UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Kheshbn No. 123- Spring 1994 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/17p5d0pv

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 123(1)

Publication Date
1994

Copyright Information
Copyright 1994 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

# 123

SPRING
1994

פרילינג
תשנ"ד


ארויסגעגעבן פון:

- לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב און שרייבער־קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

- ל.א. קאונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור־צענטער אין ל.א.

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל – די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

**דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטווירנאַלע אָרגאַניזאַציע**
**וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן**
**מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען**

**ל.א. שטאַט־קאָמיטעט פון**
**ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד**
**לואי סענענסיב, פרעזידענט**

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: (213) 655-2842



# HESHBON

## *PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048



EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

ISRAEL GUBKIN
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE:

**N. STEINMAN**, Financial Sec'y
12017 Goshen Ave., Apt. 7, L.A. CA 90049 - Tel: 820-2976

**H. HIRSH**, Administrator

Members: N. GIEROWITZ, L. MEISNER, J. SHAFER & Z. MALEVITZ

# אינהאַלט


צום 90־ען געבוירן־יאָר פון דיכטער חיים שוואַרץ ........ 3
חיים שוואַרץ: ליד ........ 6
חנן קיעל: לידער ........ 7
חיים לאַנדאו: טענדענצן אין דער ישראל ליטעראַטור ........ 9
משה שקליאַר: לידער ........ 14
משה וואָלף: די צווי דנאָען פון אירמע דרוקער ........ 16
הערשל בלאַק: לידער ........ 27
הירשע־דוד מעינקעס: דאָס רינגל - דערציילונג ........ 28
ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן: לידער ........ 32
שמואל איזבאַן: צווישן שאָפּ-ווענט - דערציילונג ........ 33
פּיניע פּלאָטקין: לידער ........ 42
חנן קיעל: דוד איינהאָרן - צו זיין 20-טער יאָרצייט ........ 43
יוסף פּיווין: ליד ........ 48
גרוניאַ קאַהן: לידער ........ 49
זשאַק בורשטין־פּינער: רעד שטילער - דערציילונג ........ 50
יעקב שייפער: צווי ברידער (דערמאָנונג) ........ 52
יצחק קאַהאַן: ראַנדעווען מיט אַלטע געלייענטע ביכער ........ 53
הערמאַן טאַובע: אַ זומער אין ישראל ........ 62
מ.ש.: לאָטי פּ. מלאך ........ 65
* אָנגעקומען אין רעדאַקציע ........ 66
י.ש.: כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב ........ 67
* פאַרשידנס ........ 72–68

# חשבון
## נום. 123

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

משה שקליאַר:
רעדאַקטאָר

ישראל גובקין:
מיטרעדאַקטאָר

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
נתן שטיינמאַן, פינ. סעקר.
צבי הירש, פאַרוואַלטער
נתן גראַוויטש
לילקע מייזנער
יעקב שייפער
זעלדע מאַלעוויטש

48־סער יאָרגאַנג, נומער 123 • פרילינג 1994 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.


## צום 90־טן געבוירן־יאָר פון דיכטער
## חיים שוואַרץ

"איך שפּאַן איבער ליכטיקע שטיגן
כאָטש איטלעכן טראָט איז נישט גרינג".
**חיים שוואַרץ**

אַזאַ איז געווען דער וועג פונעם דיכטער חיים שוואַרץ – אַ שפּאַנען דורך ליכטיקע שטיגן, ווייל שטענדיק איז ער פול געווען מיט בטחון און גלויבן אין אַ ליכטיקער צוקונפט פאַר ייד און מענטש. און כאָטש נישט איטלעכן טראָט אויפן דאָזיקן וועג איז גרינג געווען, איז ער מיט כבוד און אַ היפּשן ליטעראַרישן באַגאַזש דערגאַנגען ביז זיין נײַנציקסטן לעבנס־יאָר – ביז הונדערט און צוואַנציק! דערביי האָט ער זיך דערוואָרבן ביי אונדז אין שטאָט, אין דער סביבה פון יידיש־ליבהאָבער, אָנערקענונג און ליבשאַפט נישט בלויז מיט זיינע לידער וואָס רעדן צום האַרץ און געפיל מיט זייער אויפריכטיקן טאָן און לירישער אָנלאָדונג, נאָר אויך מיט זיין אַקטיווער טעטיקייט ווי אַ לאַנגיאָריקער קולטור־טוער אין די היגע "איקוף"־קרייזן, און די לעצטע יאָרן אויך אין אונדזער יידישן קולטור־קלוב, וווּ ער איז געווען אַן אָפטער גאַסט און לעקטאָר.

האָבן זיך טאָקע צום אָפּמערקן חיים שוואַרצס 90־טן געבוירן־יאָר, דעם 25־טן דעצעמבער פ. י., פאַרזאַמלט אין נייעם לאָס־אַנדזשעלעסער האָטעל "סאָפּיטל מאַמייזאָן" אַן ערך הונדערט און פופציק פריינד און פאַרערער זיינע און, פאַרשטייט זיך, אויך די נאָענטסטע משפחה־מיטגלידער. געקומען זענען אויך געסט פון מחוץ אונדזער "מעטראָפּאָליע", ווי אויך פילצאָליקע באַגריסונגען פון שרייבער און פריינד.

געעפנט און אָנגעפירט דעם צונויפקום מיט טאַקט און חן האָט דעם שרייבערס טאָכטער ש י י נ ד ל וועלכע האָט צוו. אַנר. געדאַנקט דעם זון פון דיכטער ז. בונין און לאַנגיאָריקן משפחה־פריינד ס ט ע נ ל י ב ו נ י ן, פאַר דער מיטהילף ביים אָרגאַניזירן דעם יום־טוב.

ס ט ע נ ל י ב ו נ י ן האָט דערמאָנט עפּיזאָדן פון די שווערע אָנהייב־יאָרן אין לאָס־אַנדזשעלעס, ווו דער דיכטער איז געקומען אין די פערציקער יאָרן פון סענט־לואיס. אין האַרציקע ווערטער האָט באַגריסט דעם בעל־יובל ל אַ ד י ר אָ ז ע ן, פאַרזיצערין פונעם עמא לאַזאַרוס־קלוב אין לאָס־אַנדזשעלעס.

אין נאָמען פונעם "וועסטסייד יידישן קולטור־קלוב" האָט באַגריסט דער וויצע־פּאָרזיצער ש מ ו א ל ב אַ ט. ער האָט אויך פאָרגעלייענט אַ לענגערע באַגריסונג פונעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון מאָסקווער זשורנאַל "די יידישע גאַס" א ה ר ן װ ע ר ג ע ל י ס, און פון דער 99־יאָריקער דיכטערין דאָרע בײַרעק, וועלכע האָט צוליב דעם שוואַכן געזונט־צושטאַנד נישט געקאָנט קומען צום יום־טוב.

ל י ל ק ע מ י י ז נ ע ר האָט באַגריסט אין נאָמען פון לאָס־אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב. אַ. מ א י מ ו ד ע ס – אין נאָמען פון "יאַבלאָן־צענטער". מיט וואַרעמע באַגריסונגען זענען אויך אויפגעטראָטן די משפחה־מיטגלידער גאָלדי שוואַרץ, אלמנה פון חיים שוואַרצס עלטערן ברודער; דעם דיכטערס זון א ה ר ן און דאָס אייניקל נ י ל, וועלכער האָט פאָרגעלייענט אין אַ זאַפטיקן יידיש חיים שוואַרצס אַ ליד.

דער שרייבער ד"ר מ ש ה װ א ָ ל ף, וועלכער איז ספּעציעל געקומען צום יום־טוב פון פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן, און געבראַכט מיט זיך אַן אַדרעס צום בעל־יובל פון דער אָרטיקער יידישער קהילה, האָט באַגריסט אין אַן אָריגינעלער פאָרעם – אָ פּאָעמע צונויפגעשטעלט פון פראַגמענטן פון חיים שוואַרצס שאַפונגען.

נאָכן אויפטריט פון אַמעריקאַנער יידישן כאָר, וועלכער האָט געזונגען אייניקע לידער לויט די ווערטער פון חיים שוואַרץ, האָט באַגריסט דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון זשורנאַל "יידישע קולטור", דער באַוווסטער שרייבער א י ט ש ע ג אָ ל ד ב ע ר ג.

– איך זוך ווערטער ווי אָפּצושאַצן דעם דיכטער און מענטש היים שוואַרץ – האָט אַ. גאָלדבערג געזאָגט צווו. אנד. און דאָס איז נישט לײַכט. ער שטייט פאַר אונדז ווי אַ וווּנדער, אַ נס; איינער פון די לעצטע פון אַ דור, אפשר ווי אַ סימבאָל פונעם דור. מסתּמא דאָס אַלץ צוזאַמען, אָבער נאָך עפּעס. ער איז אַ יידישער שרייבער וואָס דער עול פון דער צייט איז געלעגן אויף אים. און געווען איז עס אַ שווערע צייט. אין אָט דער צייט האָט ער געפונען זין אינעם לעבן און כוח צו זאָגן יאָ צו זיך און צום פאָלק.

פאַראַן אַ זעלטענע סענסיטיוויקייט און אויפריכטיקייט אין חיים שוואַרצס שאַפונג. איר וועט אין זיינע לידער קיין איין פאַלשע שורה נישט געפינען. ער האָט די שורות אַרויסגעפאַנגען פונעם האַרצן, פון זיך אַליין, און מיט צער זיי אויסגעלייגט אויפן פּאַפּיר. און נאָך איין עיקרדיקער שטריך איז פאַראַן אין זיין שאַפן. אים האָט געאַרט בלויז זען צער איז נישט גענוג. מען מוז אויפהייבן דאָס קול. אין דעם פּרט האָט ער געטראָגן אין זיך די טיפע געפילן וואָס זענען די קען־צייכנס פון דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור – נישט פאַרטראָגן קיין עוולות! ער האָט גערעדט צום מענטש און לטובת דעם מענטש.

חיים שוואַרץ – האָט פאָרגעזעצט דער רעדנער – איז אַלע מאָל געווען אַ גלויביקער. אָבער און דאָס איז געפּאָרט מיט דער גוטסקייט וואָס שפּרודלט אין אַלע זיינע ווערק. און דער דיכטער ס'טרעפט, אַז גלויבנס פאַרפירן. און אַזוי איז עס געשען מיט אים, און דער דיכטער האָט אַ סך געליטן צוליב דעם.

חיים שוואַרץ איז צוזאַמען מיט זיין דור געוואַקסן אין אָרימקייט, אין געראַנגל מיטן לעבן. געווען איז עס אַ דור פון טרוימער און אַ דור פון שאַפערס. אָט דעם דור האָט ער געדינט מיט זיין שאַפונג, וואָס איז כסדר געוואָרן רייפער. און מיט דער רייפקייט איז געקומען דער באַלאַנס פון דעם סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן. אין זיין שאַפונג האָט זיך געפילט דער פאָלקישער אָטעם. אין סך־הכל האָט ער דורכגעמאַכט, חיים שוואַרץ, אַ

ווונדערלעך שיין לעבן. ער איז שיין דורכגעגאַנגען זיינע ניינציק יאָר, ווייל ער האָט קיין מאָל נישט געלעבט בלויז פאַר זיך אַליין, נאָר זיך אַריינגעוועבט אין דער יידישער ליטעראַטור וואָס איז געוואָרן די לאַנדשאַפט פון דער פאָלקישער נשמה.

חיים שוואַרץ האָט האַרציק געדאַנקט די פאַרזאַמלטע און די רעדנער וואָס האָבן אים אַזוי וואַרעם באַגריסט צו זיין 90־טן געבוירן־יאָר.

מיט ווונטשן פון נאָך לאַנגע שעפערישע יאָרן פאָרן בעל־יובל צוזאַמען מיט זיין משפחה, האָט זיך דער צונויפקום פאַרענדיקט. עס איז געווען אַ ווירדיקע אָנערקענונג פאַר אַ דיכטער, וואָס האָט עס זיך כשר פאַרדינט מיט זיין שאַפן און מיט זיין יאָרנלאַנגער געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט לטובת דער יידישער ליטעראַטור און קולטור.

* * *

שבתצונאַכט, דעם 15־טן יאַנואַר, איז אין ל.אַ. יידישן קולטור־קלוב פאָרגעקומען אַן אָוונט געווידמעט דעם 90־טן געבוירן־יאָר פון דיכטער חיים שוואַרץ. מיט אַ רעפעראַט וועגן דיכטערס שאַפונג איז אויפגעטראָטן ד״ר מ ש ה  ו ו א ל ף. צוו. אַנד. האָט צוגעשיקט אַ שריפטלעכע באַגריסונג דער דיכטער מ ש ה ש ק ל י אַ ר, וועלכער האָט נישט געקאָנט בייזיין אויפן אָוונט. און אָט זענען זיינע ווערטער:

ליבער חיים שוואַרץ,

ליידער קאָן איך נישט בייזיין אויפן היינטיקן אָוונט, וואָס איז געווידמעט דיין 90־טן געבוירן־יאָר, אָבער דאָך ווילט זיך דיר זאָגן עטלעכע ווערטער פון האַרץ־צו האַרץ, פון אַ יינגערן דיכטער־קאָלעגע צו אַן עלטערן, וועלכער פאַרשטייט גוט די חבלה לידה פון ליד וואָס באַגלייט דעם דיכטער זיין גאַנץ באַוווסטזיניק לעבן.

אָט עפן איך ווידער אויף דאָס בוך וואָס דו האָסט מיר געשענקט מיט אייניקע יאָרן צוריק, ווען מיר האָבן זיך נעענטער באַקענט, טאַקע דאָ אין לאָס־אַנדזשעלעס, און איך לייען די ערשטע ווערטער פון ערשטן ליד, לויט וועלכן דאָס גאַנצע בוך איז באַטיטלט: ״איך שפּאַן איבער ליכטיקע שטיגן / כאָטש איטלעכן טראָט איז נישט גרינג״... ווי טרעפלעך, ווי פּרעציז האָט זיך דיר איינגעגעבן איינצופאַסן אין צוויי קורצע שורות אַ לעבן פון געראַנגל, פּערזענלעכן און געזעלשאַפטלעכן, פון דערפאָלגן און דורכפאַלן, פון באַרג־־אַרויפן און באַרג־אַראָפּן, פון גלויבן, האָפן און אַנטוישונגען - אָט דעם גאַנצן וועג וואָס הייבט זיך אָן ווי אַ טרוים, ווי אַ שפּאַנען איבער ליכטיקע שטיגן, אָבער וואָס איז באַגלייט דורך נישט פאָרויסגעזעענע שטרויכלונגען, וואָס פאַרקלעמען אָפט מאָל דאָס האַרץ, אָבער... ״דאָס האַרץ - ווי דו שרייבסט אין זעלבן ליד - דאָס פאַרעקשנטע (האַרץ) זינגט״...

ווי דען אַנדערש! דאָס פאַרעקשנטע האַרץ פונעם דיכטער זינגט אַפילו דעמאָלט ווען עס קאָן מער נישט זינגען, ווייל אַזוי איז דעם דיכטער באַשערט - זינגען, זינגען ווען ער איז נ י י ן, און ווען ער איז נ י י נ צ י ק - ביז הונדערט און צוואַנציק - לויט דער אַלט־יידישער ברכה - ע ד  מ א ה  ו ע ש ר י ם!

איך שטעל מיר פאָר, ליבער פריינד, אַז איצט, ווען דו האָסט שוין באַלד דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל, קאָנסטו מיט שטאָלץ זיך שטעלן ביים ״ליכטיקן פענצטער״, אַזוי ווי אַ מאָל דער גרויסער יידישער דיכטער דוד האָפשטיין, און מאַכנדיק אַ סך־הכל פון אַ לאַנג און שעפעריש לעבן ווידער זאָגן ״דער וועלט אַ גוט מאָרגן!״, וויסנדיק, אַז

**חיים שוואַרץ**

# היינט - אין טאָג פון מיין פרייד

איך הויב אויף היינט מיין בעכער פון גליק
און לײדיק אים אויס, ווי פאַרשיכורט:
מיין האַרץ האָט געקעמפט און... געזיגט,
ניט צעפאַלן געוואָרן אויף שטיקער...

צו וועמען מיין לויב און מיין דאַנק
- אין טאָג פון מיין גרויסן נצחון -
פאַר דעם גליקלעכן שיינעם געשאַנק:
דעם נײַנציקסטן יאָר פון געבוירן?

פון קינדער די צערטלעכע קייט
פון זאָרגן, פון טרייסטן און ליבן -
האָט מיינע הילפלאָזע שעהען באַגלייט,
די שרעק פון מיין מאָרגן פאַרטריבן...

צו וועמען מיין דאַנק און מיין לויב?
פאַר אַ ליכטיקן, זוניקן שמייכל,
וואָס האָט מיין צווייפל צעשטויבט
און אָפּגעווישט זיין איטלעכן צייכן.

און צו אייך, אָ, פריינדלעכע געסט,
וואָס האָבן די הימלען צעריסן
פון מזרח, פון צפון ביז הי,
צו קומען מיין יום-טוב באַגריסן:

אייער וואָרט האָט מיין בלוט אָנגעגליט
מיט פונקען פון פרייד, ווי אַ וווּנדער,
ווי ס'וואָלט זיך אַ פרילינג צעבליט,
ווי אַ באַלזאַם געהיילט מיינע ווונדן...

היינט וואַרף איך צום מאָרגן מיין בליק
געפעסטיקט מיט אייערע ברכות;
מייןהאַרץ האָט געקעמפט און געזיגט
דעם טויטלעכן פיינט אויף צעלאָכעס!

וועל איך שוין קיין מאָל אַרונטער פון וועג
וואָס כ'האָב אַזוי לאַנג אויסגעקליבן;
מיר זאָלן זיך מערן נאָך יאָרן
מיט כח, מיט שאַפן, מיט ליבן...

מיין שפאַן האָט געטאָן זיך אַ וויג,
מיין וועג האָט זיך, דאַכט זיך, געשלאָסן,
נאָר מיין האַרץ האָט געקעמפט און... געזיגט,
מיין שרעק פאַרן מאָרגן פאַרלאָשן...

---

דו האָסט געגעבן אָט דער וועלט, דער וועלט פון יידישער ריכטונג, פון יידישן שאַפן, אַ וויכטיקן בייטראָג, וואָס אויב ער איז נאָך נישט אָפּגעשאַצט געוואָרן אין דער פולער מאָס, וועט ער דערשאַצט ווערן אין דער צוקונפט. יאָ, אין דער צוקונפט וואָס שטייט נאָך פאַר דעם יידישן וואָרט, נישט געקוקט אויף אַלע שוואַרצע נביאותן!

איך פאַרזיכער דיר, אַז אין הונדערט יאָר אַרום וועלן זיך געפינען יידישע יונגעלייט ערגעצוווּ אין די אוניווערסיטעטן, און נישט בלויז אין די אוניווערסיטעטן, פון מדינת ישראל צי אַמעריקע, אויסטראַליע צי אַרגענטינע, ווו נאָר די וועלט האָט אַן עק, וואָס וועלן נעמען אין האַנט דיינע ביכער און מיט פאַרשטענדעניש און אינטערעס לייענען דיינע שורות: "אַ דאַנק דיר, לעבן, / און אויך דיר, מיין האַרץ, אַ דאַנק / פאַר אויסהאַלטן דעם יאָך און זיך נישט בויגן"...

און אויך דיר, ליבער חיים שוואַרץ, אַ דאַנק פאַר נישט אונטערגעבן זיך דעם יאָך און שאַפן מיט יידישן בטחון, און זיין אַקטיוו, אָפּטמאָל איבער די כוחות אינעם יידישן קולטור-לעבן, און לאָזן צווישן אונדז, ליבהאָבער און פאַרערער פון דער יידישער קולטור, טיפע, אומפאַרגעסלעכע שפורן.

זיי באַגריסט צו דיינע 90 יאָר, ליבער חיים. לחיים!

משה שקליאַר

**חנן קיעל** /ניו־יאָרק

## פלאַטערדיקע אייביקייטן

אין פרימאָרגן־געמיט פון חסד און באַוווּנדער
וויל איך פרעגן ס'פלאַטערל אין צעבלימלטן פעלד
וויפל רגעס איז באַשערט אים די ליכטיקע וועלט;
אויך ביי דער גרינער אָזיערע אין וואַלדיקן אַליין
וויל איך באַנעמען דעם סוד פון געדויער און פאַרגיין.

מ'יש איך צוריק די בלעטער פאַרגעלטע אין זכרון,
ד' נישט גענוציקטע פערזן פון נעבטיקע קאַיאָרן;
און מיר ליב די קלאָגנדיקע ווערבע אין אונדזער הויף,
ד' גרינע אָזיערע אין וואַלדיקן אַליין,
דאָס ציטערדיקע פלאַטערל אויף זאַפטיקע קווייטן
און מיינע רגעס, פלאַטערדיקע אייביקייטן.

## אַ פאַרמשפּטער סיזיף

אויפן גורל־באַרג – אַ פאַרמשפּטער סיזיף
איך שלעפּ זיך אַרויף מיטן וואַנדער־געפּעק
פון יאָרן אָפּגעטראָגענע, מידע,
מיט מיינע פּיס פאַרעקשנטע אין אייגענעם געקלעטער;
אויפן שפּיץ־באַרג לאָבן די אויסגעשניצטע געטער
פון מיין זיידענעם חלום וואָס כ'האָב אַנומלט געשפּינט
און וואָס קייקלט זיך אַרונטער
אין אין־סופיקן פאַרשווינד.

## נישטיקייטן

מיין מאַמע האָט זיך אַריינגעשאַרט אין שלאָף
געגעגנט צו מיין פאַרזשמורעטן חלום
אַ בלוי־סאַמעטענע ליבשאַפט האָט מיין טרויער געגלעט,
אירע אויגן האָבן גערעדט:
וואָס איז דאָס שרייבן ביינאַכט אַזוי שפּעט,
פון דיינע לידערייען ביזט אַלץ נאָך נישט מיד?
אוי, מאַמע, מאַמעשי, דו אַליין ביזט מיין נישט געענדיקט ליד.

אויף איר פּנים האָט אַ שמייכל געגליט:
איך זע שוין, אַז דו וועסט זיך נישט בייטן,
טאָ שפּיל זיך קינד מיט דיינע אויסגעטראַכטע
נישטיקייטן.

# גרינער דאָנערשטיק

אין פרימאָרגן־רויט דער גרינער דאָנערשטיק באַגינט
מיט שווערן־קופּער־קלאַנג דער אַלטער קלויסטער זינגט,
אַווע, אַווע מאַריאַ.

קאַשטאַן־ביימער יום־טובדיקע אין אַלייען בליען,
דאָרפישע פּאַראַפּיעס צו דער יאַסנע גורע ציען,
אַווע, אַווע מאַריאַ.

די מאַטקע באַסקע טוליעט ליב ס׳געקרויינטע יידיש קינד,
איבער פעלדער סטראַשעט אַ געביל פון בייזע הינט,
אַווע, אַווע מאַריאַ.

מיט געזאַנג אין קלויסטער־פּאַרק פּילגרימס פרומע פּויזען,
דער הימל וויינט, אין זיידנס הויף בלוטיקן די רויזן,
אַווע, אַווע מאַריאַ.

די שטאָט אָן יידן אינגעוויגט אין אַ טויט געשוויג,
נעסטן ליידיקע אָן פייגל הענגען אויף געצווייג,
אַווע, אַווע מאַריאַ.

די קינדער יידישע וווּ זיינען מיט פאַרבליפּטע אויגן,
וווּ זיינען זיי די פלאַטערלעך פון שיל־גאַס זיך צעפלויגן?
אַווע, אַווע מאַריאַ.


**מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים**

בעטן מיר אַלעמען זיך ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

**NATHAN STEINMAN**

12017 Goshen Avenue., Apt. 7 * L.A., CA 90049

Phone: (213) 820-2976 **פּאַרוואַלטונג "חשבון"**

**חיים לאַנדאו** / ישראל

# עטלעכע באַמערקונגען וועגן
# "טענדענצן אין דער ישראל ליטעראַטור"*

אויפן סמך פון אַ נאָוועלע, וואָס געפעלט אים נישט, און פון עטלעכע "אומפאַרשטענדלעכע" לידער, וועלכע ער האָט געלייענט אין אַ ישראלדיקער ליטעראַטור-צייטשריפט, מאַכט ישראל גובקין אויספירן וועגן דער איצטיקער ישראלדיקער ליטעראַטור: "זי ווערט שטאַרק ענלעך צו די נישט-יידישע ליטעראַטורן פון גאָר דער וועלט... זי ווערט עקסטרעם סעקולאַריסטיש, פאַרגויאישט". (י. גובקין, "חשבון" נום. 121).

זיינע אויספירן באַזירט ער אויף עטלעכע פאַלשע, אילוזאָרישע הנחות.

קודם כל די אידענטיפיקאַציע פון די צוויי ליטעראַטורן - אין יידיש און עברית. דערביי פאַרגעסט ער בכלל די פאַקטאָרן פון צייט און אָרט. צי קאָן מען פאַרגלייכן ליטעראַטור-שאַפונגען פון צוויי פאַרשידענע תקופות? ביי גובקינען עקזיסטירט נישט בכלל דער ראָזיקער פאַקטאָר. איז די יידיש-ליטעראַטור תמיד געווען איינהייטלעך? זענען די טעמאַטיק און טענדענצן געווען די זעלבע פאַר דער ערשטער מלחמה, צווישן די מלחמות און נאָך דער שואה? אַפילו אין דער זעלבער תקופה און אַפילו ביי דעם זעלבן שרייבער זענען נישט געווען אונטערשידן אין דער טעמאַטיק, אין דער טענדענץ, אין דער כוונה? איז די יידיש-ליטעראַטור געווען אַ טלית שכולו תכלת, לויט די אויפפאַסונגען פון י. גובקין? נעמט ער אויף אַשן פון זיינע "קריסטלעכע" שאַפונגען אַזוי ווי ער נעמט מסתמא אויף זיין "תהלים ייד"?

אויך אין דער יידיש-ליטעראַטור, אין פּראָזע ווי אין ליד, האָבן געווירקט שטרעמונגען און השפעות פון דער "גוישער וועלט", וועלכע גובקין פסלט אין דער ישראל-ליטעראַטור. די יידיש-שרייבערס האָבן נישט געלעבט אין אַ גייסטיקער איזאָלאַציע און זיי זענען געווען אָפן פאַר גייסטיקע איינפלוסן און פאַר פאַרשידענע "איזמען", וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט אין דער וועלט. די יידיש-פאַרלאַגן האָבן אַרויסגעגעבן נישט בלויז שלום אַשן און סעגאַלאָוויטשן, נאָר אויך איבערזעצונגען פון ראָמען ראָלאַן, אַרטור שניצלער, קעלערמאַן א.אַנד.

שומרי חומה אין ארץ ישראל האָבן פאַרשריגן מענדעלען ווי אַן אַנטיסעמיט (אברהם קריב), ווייל ער האָט קריטיקירט די כלי קודש פון זיין צייט. האָט מען נישט באַשולדיקט יוסף חיים ברענערן אין "ג'ואישקייט", ענלעך ווי גובקין כאַראַקטעריזירט די היינטיקע ישראל ליטעראַטור?

---

* מיר דרוקן דאָס אַרטיקל פון חיים לאַנדאו אויפן סמך פון פרייער דיסקוסיע, הגם דער מחבר פונעם באַהאַנדלטן מאמר, געוו. מיטרעדאַקטאָר פון "חשבון", י. גובקין, קען שוין נישט ענטפערן, ווייל אין צווישנצייט איז ער אַוועק אין דער אייביקייט. אין גרונט גענומען זענען מיר מסכים מיט די אויספירן פון חיים לאַנדאו.

**רעד.**

## "איין ליטעראַטור מיט צוויי שפּראַכן"

י.גובקין איז אַנטוישט פון דער אַקסיאָם "איין ליטעראַטור אין צוויי שפּראַכן". ווער האָט דערפונדען אַזאַ "אַקסיאָם"? אמת, געווען שרייבער איןביידע שפּראַכן - זייט מענדעלע ביז דעם ניש־לאַנג פאַרשטאָרבענעם דיכטער און עסייאיסט ישראל חיים בילעצקי און דב סדן. דאָס איז געווען אַ מין "פּערסאָנאַלע אוניע". דער עיקר ווען די צוויי שפּראַכן האָבן געלעבט און געווירקט אין דער זעלבער צייט און אָרט און ביי די זעלבע באַדינגונגען. אָבער די עברית־ליטעראַטור אין ארץ ישראל, באַזונדערס די פּאָעזיע, איז נישט געווען אידענטיש מיט דער יידיש־ליטעראַטור אין די גלות־לענדער, ומכל שכן אין די לעצטע 46 יאָר פון ישראלס זעלבשטענדיקייט און מלוכהשקייט, מיט אירע ספּעציפישע באַדינגונגען.

עס איז לעכערלעך אין סוף פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווען די גאַנצע וועלט איז אַ מין גרויס מאַסן־דאָרף, קומען מיט טענות פאַרוואָס די איצטיקע ליטעראַטור פאַרנעמט זיך נישט מיט דער טעמאַטיק (פון... ווען?) , מיט וועלכע עס האָט זיך פאַרנומען די יידיש־ליטעראַטור.

די "גויאישע" השפּעות האָבן געווירקט אין דער עברית־ליטעראַטור נישט פון היינט. ביאַליק, טשערניכאָווסקי, ז. שניאור זענען געווען באַווירקט פון די רעמאַלטיקע שטרעמונגען אין דער רוסישער און דייטשער ליטעראַטור; דער דור דיכטער, וואָס איז געקומען נאָך זיי - אברהם שלאָנסקי, נתן אַלטערמאַן, לאה גאָלדבערג און אַנדערע, זענען געווען באַווירקט פון בלאָק, יעסענין, פּאַסטערנאַק און אַנדערע. די היינטצייטיקע דיכטער נתן זך, משה דור, דליה רביקוביץ און די יונג־פאַרשטאָרבענע יונה וואָלאַך זענען באַיינפלוסט פון היינטצייטיקע ענגלישע (ווי אויך אַנדערש־שפּראַכיקע שרייבערס. אָבער זיי - ווי זייערע פאָרגייער זויגן אויך פון זייערע אייגענע נאַציאָנאַלע וואָרצלען און עמאָציעס און זיי דריקן אויס די געפילן און איבערלעבונגען פון זייער דור.

און עס וואַקסט שוין אויס אַ נייער דור פון דיכטער און דיכטערינס. מעגלעך, אַז זייערע שאַפונגען זענען נישט איגאַנצן פאַרשטענדלעך פאַר דעם עלטערן דור, אָבער דאָס גיט נישט דאָס רעכט זיי צו פּסלען.

## קיבוץ גלויות

איך האָב ליב יידיש און יידיש־שאַפונג, איך האָב גערן די יידישע מזרח־אייראָפּעישע טראַדיציעס און פאָלקלאָר, אָבער קומען און פאָדערן פון היינטצייטיקע שרייבערס אין ישראל זיי זאָלן זיך שטיצן און בויען זייערע שאַפונגען אויף די ראַזיקע יסודות, איז מער ווי לעכערלעך. לאָמיר דערמאָנען עטלעכע פון די היינט פּאָפּולערע ישראל־שרייבער - וואָס איז זייער אָפּשטאַם, זייער סביבה: א. ב. י ה ו ש ע - פון אַן אַלטער ספרדישער משפחה, אַ זון פון אַ היסטאָריקער; ע מ ו ס ע ו ז - פון דער קלויזנער משפחה, אַ זון פון אַן עברית פאָרשער; א ל י ע מ י ר און ס א מ י מ י כ א ל - ביידע פון באַגדאַד, איראַק; א מ נ ו ן ש מ ו ש - געבוירן אין חלב (אַלעפּאָ), סיריע; ח י י ם ב א ר - פון אַ ירושלימער פרומער אַשכנזישער משפחה;

שולמית הראבן - אַן אַפּשטאַמיקע פון פּוילן; מאיר שלו (שאַלעוו) - אַ זון פון אַן עברית־דיכטער; דן צאַלקע און אַהרן אַפּעלפעלד - ביידע געקומענע נאָך דער שואה.

אין צענטער פון זייערע שאַפונגען - זייער פאַשידענע אין טעמאַטיק און סטיל - שטייט דער יחיד אין קאַמף מיט זיין גורל אין זיין סביבה. יעדער פון די שעפער האָט טיפע וואָרצלען אין טראַדיציעס, מיינונגען און אָנשויונגען, און לעבט און ווירקט אין דער ספּעציפיש ישראלדיקער היינטצייטיקער געזעלשאַפט, און יעדער, לויט דער מאָס פון טאַלאַנט, שאַפט זיינע ווערק.

די ישראלדיקע געזעלשאַפט איז פול מיט קאָנטראַסטן און ראַנגלענישן - יידן־אַראַבער; גוש אמונים און שלום עכשיו, אָרטאָדאָקסן און וועלטלעכע, ותיקים און עולים, פאַרמעגלעכע און אָרעמע, ארגל. פון דעסטוועגן עקזיסטירט אַ געמיינזאַמע געזעלשאַפט מיט בשותפותדיקע כאַראַקטער־שטריכן. די שולע, די דינסט אין צה"ל, די ראַדיאָ־טעלעוויזיע, די קעגנזייטיקע באַציונגען אין גאַס, אין געשעפט, ביי דער אַרבעט, די בשותפותדיקע קיום־פּראָבלעמען, און נעבן זיי די שפּראַך און ליטעראַטור - זענען די פאַקטאָרן וואָס בילדן אויס די איינהייט, וואָס הייסט: די ישראלדיקע געזעלשאַפט, מיט אירע מעלות און חסרונות, מיט איר פאַרשידענקייט און פּלוראַליזם, און גלייכצייטיק מיט איר ספּעציפישקייט און ייחוד.

אַן אַנקעטע, דורכגעפירט צווישן די כנסת־דעפּוטאַטן, וועגן די ביכער וואָס זיי לייענען, באַווייזט, אַז אַלע - רעכטס און לינקס - לייענען די זעלבע ביכער, טאַקע פון די אויבן דערמאָנטע מחברים.

## זיי רעדן יידיש

י. גובקין נעמט זיך אָן די עוולה וואָס די "עקסטרעם סעקולאַריסטן" בעוולען די חרדים. וועל איך דאָ נישט אַריינגיין אין דעם פּלאָנטער פון די באַציונגען צווישן די חרדים און דעם רוב פון דער יידישער ישראלדיקער (און נישט בלויז "עקסטרעם־סעקולאַריסטישער") געזעלשאַפט, נאָר בלויז באַרירן איין זייט וואָס איז נוגע צו יידיש און ליטעראַטור.

די אַשכנזישע חרדים רעדן צווישן זיך יידיש (אויך די ספרדישע ש"ס אָנפירער און רבנים וואָס האָבן זיך געלערנט אין די ליטווישע ישיבות פאַרשטייען יידיש), אָבער מערסטנס אין שטוב, אין שיל, שטיבל און ישיבה. אין גאַס, אין אויטאָבוס, אין געשעפט, ביי דער אַרבעט רעדן זיי עברית (פאַרפלאָכטן אָפט מיט "ברוך השם", "בעזרת השם" אא"וו.) באַזונדערס דער מיטעלער און יינגערער דור. אָבער פון זיי וועט קיין ישועה נישט קומען צו דער יידישער ליטעראַטור. פאַר זיי איז פּסול נישט בלויז די "סעקולאַטאָרישע" עברית־ליטעראַטור, נאָר יעדעס בוך, אחוץ די כתבי קודש און דת. אַפילו די יידישע שרייבערס, וועלכע דאַרפן לויט גובקינען אָפּראַטעווען דאָס יידישקייט.

אויך זייער פּרעסע איז אין עברית. זיי גיבן אַרויס עטלעכע טאָג־צייטונגען: "יתד נאמן" - די ליטוואַקעס פון "דגל התורה", "המודיע" - די חסידישע אגודת ישראל, "יום יום" - די ספרדישע ש"ס. די פּאָליטישע מאַסן־פאַרזאַמלונגען פירן זיך בעיקר אין

עברית, כאָטש עטלעכע רבנים רעדן אויך יידיש.

זייערע צייטונגען זענען שטרענג צענזורירט, עס זאָל זיך נישט אַריינכאַפּן עפּעס אַן אפּיקורסיש וואָרט. אַ קוריאָז: אין איינעם פון די אָרטאָדאָקסישע בלעטער איז געווען אָפּגעדרוקט אַ מעשה פון נפלאות צדיקים זצ"ל. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען פּרצס "אויב נישט נאָך העכער". אַלס מחבר איז געווען געחתמעט אַן אַנדערער נאָמען. די לייענער ווייסן מסתמא נישט ביזן היינטיקן טאָג אַז די צדיקים־מעשה האָט געשריבן אַן אפּיקורוס - י.ל. פּרץ. פּאַר זיי אַן אומבאַקאַנטער נאָמען.

אָבער די מויערן זייערע זענען נישטש אַזוי פעסט. נאָך אַ קוריאָז: אין אַ חרדישן קוואַרטאַל אין ירושלים זיצט אַ פרוי, אַ ווייב פון אַן אָרטאָדאָקסישן רב, און שרייבט ראָמאַנען, אין עברית, פאַרשטייט זיך, געחתמעט מיט אַ פּסעוודאָנים. קיינער אין דער שכונה ווייסט נישט דערפון, בלויז דער מאַן, דער רב. דערפאַר ווייל זי מוז אים דערציילן פון וואַנען עס קומען די טשעקן פון פאַרלאַג און ביבליאָטעקן. אָבער אויך ער לייענט נישט אירע ביכער.

אַ ספק, צי זיי לייענען די לידער פון דער פרומער ריכטערין ז ע ל ד ה, וועלכע איז זייער פּאָפּולער ביי דער וועלטלעכער יוגנט.

## ישראל־ליטעראַטור אין יידיש

אַן אינטעגראַלער טייל פון דער ישראל־ליטעראַטור זענען די שאַפונגען פון ישראלדיקע יידיש־שרייבער. נישט בלויז י. פּאַפּיערניקאָוו ז"ל ויבדל לחיים ארוכים י. צ. שאַרגעל און אַנדערע אַלט־געזעסענע שרייבער נאָך פון דער פרע־מדינה תקופה, נאָר אויך אַ ריי דיכטער און פּראָזאַיקער, געקומענע מארבע כנפות הארץ, נאָך דער שואה און נאָך דער תקומה, זענען ישראל־שרייבערס, אַפילו ווען זייער טעמאַטיק וואָרצלט אין פּוילן, ליטע און רומעניע.

אָט נישט לאַנג איז דערשינען אַ צוויי־בענדיקע אַנטאָלאָגיע פון דער יידיש־ליטעראַטור אין מדינת ישראל, וואָס נעמט אַרום עטלעכע הונדערט נעמען. אמת, נישט אַלע פון דער מדינה־תקופה.

יידיש און יידיש־ליטעראַטור ווערן געלערנט אין די ישראל־אוניווערסיטעטן און אין אַ ריי מיטל־ שולן. דער חיפער אוניווערסיטעט האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ האַלביאָר־שריפט "חוליות", געווידמעט דער יידיש־פאָרשונג. (רעד. שלום לוריא) "אַ העפט" פון 260 זייטן.

י. גובקין רעקאָמענדירט - און מיט רעכט - איבערזעצן יידיש־ווערק אין עברית. אָבער נישט ווי ער מיינט אָנשטאָט איבערזעצונגען פון "גויאישע" שפּראַכן. פאַראַן איבערזעצונגען פון יידיש, פאַרעלטערטע און פאַרגעסענע, ווי למשל שלום אַש און ז. שניאור. אַ ריי דיכטער זענען איבערזעצט; באַשעוויס איז פּאָפּולער; מאַנגער איז איבערזעצט.

אינטערעסאַנט איז דער גורל פון שלום עליכם אין עברית. י.ד. בערקאָוויטשעס איבערזעצונגען זענען געווען פון לאַנג פאַרעלטערט און נישט פאַרשטענדלעך פאַר דער יוגנט. שלום עליכם, פּאָפּולער אין דער גאַנצער וועלט, איז געווען פרעמד דווקא אין ארץ ישראל. אין די לעצטע יאָרן איבערזעצט שלום עליכמען אין אַ מאָדערנעם

פֿאַרשטענדלעכן עברית אריה אהרוני (אַ חבר פֿון קיבוץ בית־אלפא). אגב, בערקאָוויטש האָט איבערזעצט נאָר אַ טייל פֿון שלום עליכמס ווערק, און לויט ווי עס טענהעט אהרוני, האָט ער אים אויך "פֿאַרבעסערט". אהרוניס איבערזעצונג וועט אַרומנעמען אַלע ווערק פֿון שלום עליכם.

## איבערזעצונגען - אין ביידע ריכטונגען

ישראל איז אַ לאַנד פֿון עליה, אימיגראַציע. עס קומען עולים, איינגעוואָרצלעטע אין פֿאַרשידענע לשונות. אויב אַ מאָל איז דאָמינאַנטיק געווען יידיש, איז היינט אַנדערש. די היינטיקע עולים, אַפֿילו פֿון געוועזענעם סאָוויעטנלאַנד, לרוב רעדן נישט יידיש. לאַנגע יאָרן רעדן זיי נאָך אין די פֿריערדיקע שפּראַכן. אַזוי אַז אין ישראל דערשיינען צייטונגען אין פֿאַרשידענע שפּראַכן. צווישן די עולים זענען פֿאַראַן אויך שרייבערס, וואָס אַ טייל שרייבט און גיט אַרויס ביכער אין פּויליש, ענגליש, רוסיש. איך קען נישט די ביכער און ווייס נישט צי קאָן מען זיי פֿאַררעכענען ווי אַ טייל פֿון דער ישראל־ליטעראַטור, וואָס פֿאַרלירט די וואָרצלען. אָבער דאָס איז אַ צייטווייליקע דערשיינונג, וואָס האָט נישט קיין המשך.

עברית איז אַ לעבעדיקע שפּראַך, וואָס אַנטוויקלט זיך כסדר. וויסנשאַפֿטלעכע, טעכנאָלאָגישע אַנטוויקלונגען באַרייכערן זי כסדר מיט נייע באַגריפֿן. אויך די השפּעה פֿון אַנדערע שפּראַכן איז קענטיק, באַזונדערס טאָקע פֿון יידיש. ווערטער, באַגריפֿן, רעדנסאַרטן האָבן זיך פֿאַרבירגערט און געוואָרן אַ טייל פֿון דער שפּראַך. למשל, דאָס יידישע וואָרט "פֿאַרגינען" איז אַריין אין עברית לעקסיקאָן - לפרגן, פירגון. ווי יעדע לעבעדיקע שפּראַך אַנטוויקלען זיך אויך סלענגען, גערעדטע ביי געוויסע סעקטאָרן, ווי אין צה"ל, ארג"ל.

די שפּראַך זאַפּט איין אויך פֿון אַנדערע שפּראַכן, ווי אַראַביש, ענגליש, שפּאַניש.

אין ישראל דערשיינען אויך איבערזעצונגען פֿון אַנדערע שפּראַכן. עס איז איבעריק אָנצוווייזן, ווי דאָס איז נויטיק. אָבער אויך די מאָדערנע ישראל־שאַפֿונגען געפֿינען אַ וועג צו אַנדערע לשונות. עמוס עוז, למשל איז איבערזעצט אין 14 שפּראַכן.

די אינטעגראַציע (נישט אַסימילאַציע) פֿון פֿאַרשידענע טיילן פֿון דער ישראל־באַפֿעלקערונג אין דער קולטור־שאַפֿונג - ליטעראַטור, טעאַטער, פּלאַסטישע קונסט - איז אַ געווונטשענע דערשיינונג, וועלכע מען דאַרף באַגריסן און נישט טאַדלען.

די ישראל־ליטעראַטור איז אַ פֿאַרשידנפֿאַרביקע, באַשטייט פֿון שעפֿער פֿון פֿאַרשידענע קרייזן, יעדער שאַפֿט אויף פֿאַרשידענע טעמעס, מיט אייגנאַרטיקן סטיל און פֿאַרב. יעדער פֿון די שעפֿער און זייערע ווערק דאַרפֿן שטיין פֿאַר דער קריטיק פֿון לייענער און פּראָפֿעסיאָנעלן קריטיקער און ווערן אָפּגעשאַצט לויט קריטעריעס פֿון קונסט, טאַלאַנט, און ענלעכע ווערטן, און נישט לויט אַ הורטאָווע פּסלנען.

**משה שקליאַר**

# איך שטרעק די הענט...

* *
*

דאָס לעצטע ליד,
און אפשר גאָר דאָס ערשטע -
מיט ציטערדיקע פעדערטריט
נאָך נישט באַהערשטע
נאָך דעם צוריקקער

פון אַ נישט זיין
צו אַ ווערן
אונטער מזלדיקן שטערן -
דאָס לעצטע ליד,
און אפשר גאָר דאָס ערשטע
וועל איך שרייבן -

אויב כ׳וועל בלייבן...

* *
*

און אַזוי איז געוואָרן פאַרשריבן -
ער איז געבליבן
אויף זיין,
אין לייד און אין פיין,
אין פרייד און אין גליק,
ביז לעצטן פאַרגיין
שוין אָן אַ צוריק,

און אין וועג
צו טראָגן אויף זיך
דעם גאַנצן געפעק
פון אַ דור
וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן
אַנטקעגן דעם ווינט
און איצט ער פאַרשווינדט

פון צייט...

* *
*

דער טאַטע עפנט אויף די לאָדנס
און דורכן פענצטער קוקט אַריין
אַ בלויע וועלט,
איך ליג אין בעט,
נאָר ווי כ׳וואָלט אין דער בלויקייט
זיך געבאָדן
איך ווער אַליין צעהעלט
און קאָן די העלקייט נישט פאַרנעמען...
מיט צוגעמאַכטע אויגן
כ׳הער עמיץ רעדט
און אָפגעהאַקטע ווערטער־קלאַנגען
פון דער ווייט צו מיר געגנענען -
לאַנג פאַרגעסענע געזאַנגען,
וואָס כ׳האָב אפשר קיין מאָל
נישט געהערט
און נישט פאַרשטאַנען...

פון וואַנען קומען זיי, פון וואַנען?
און די לאָדנס, און מיין טאַטע,
וואָס ווערט קלענער אַלץ און קלענער?
כ'שטרעק אויס אַ האַנט,
ווי כ'וואָלט וועלן אים פאַרהאַלטן,
נאָר צווישן מיר און אים - אַ וואַנט,
אַ וואַנט אַ קאַלטע.
פאַרשוווּנדן איז דער טאַטע
צוזאַמען מיטן בלוי
און מיט די ווייטע טענער.
און מיר טוט ווי,
ס'טוט ווי אַזוי - - -

* *
*

אַן אַנדער טאָג
און נאָך אַן אַנדערער,
און ווי אין ווירבלווינט
אַ בלינדער וואַנדערער
וואָס קאָן קוים דעם אָטעם כאַפּן
און שטרעקט אויס די הענט
ד' פינצטערניש אַדורכצוטאַפּן,

איך שטרעק די הענט צו דיר
וואָס ביסט דאָ און ביסט נישטאָ
דערנעבן.
אָט בייגסטו זיך אַריבער מיר,
און אָט - דערווייטערסט זיך
ווי מיין אייגן לעבן...

* *
*

ציטער נישט מיין קינד,
דער ווינט וועט ווערן לינדער,
און אַזוי דער ווייטיק.

לייג צו דאָס אויער צו מיין ברוסט,
הערסט -
לידער ווערן צייטיק.

* *
*

און מיר וועלן גיין מיט קעפּ צעשויבערטע
אַזוי ווי אַ מאָל,
פון זונגאָלד און וואַלדגרין באַצויבערטע
אַרויס פונעם טאָל.

און אויב ס'וועט דאָס האַרץ ווען
אַ טיאַבקע טאָן
מיט פאַלשן וויבריר,

דערמאָנען מיר וועלן דעם קנאָביקן
קאַלטן באַריר,

אָן אַנגסט און אָן ציטער, און ווייטער
אין וועג -
אַ טאָג און אַ יאָר.
נאָר ליבסטע, איך בעט דיך, נישט
פרעג -
ווו זענען די האָר?...

משה וואָלף

# די צוויי דנאָען פון אירמע דרוקער

אירמע (ירמיהו) דרוקער האָט דורכגעמאַכט אַ יסורימדיקן וועג - אַ פּולן מיט דערנער און שטרויכלונגען. ער איז געווען איינער פון די באַדייטנדיקע יידישע סאָוועטישע פּראָזע-מייסטערס און ליטעראַטור-פאָרשערס. וועלכער האָט מסירת-נפשדיק געדינט דעם רעזשים און איז אכזריותדיק באַשטראָפט געוואָרן, לעבעדיקערהייט אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין גיהנום און האָט זיך ניט באַפרייט פון די סגופי הנפש, אפילו נאָך דעם, ווען עס האָט אים אָפּגעגליקט נצל ווערן פון טויט.

דורות סאָוועטישע יידישע שרייבערס און לייענערס האָבן געקענט אירמע דרוקערן ווי אַ תלמיד חכם, אַ הויך געבילדעטן וועלט-באַנעמערישן מומחה, אַ באַהאַוונטן אין די טיפסטע יידישע מקורות. ער האָט זיך אויסגעטיילט פון אַלע סאָוועטישע יידישע שרייבערס און קריטיקערס מיט חריפות און שאַרפקייט. די וועלכע האָבן אים געהערט, פלעגן אים רופן דער בעל-דברן און די באַזוכערס, וועלכע פלעגן פאַרברענגען אַרום זיין גאַסטפריינדלעכן טיש, פלעגן אים רופן דער בעל-מנגן. ער האָט קיין מאָל ניט געלאָזט זיך לאַנג בעטן אויף צו באַווייזן זיין רייכע באַשאַנקענקייט מיט יידישער נגינה און מיט זיין ווונדערלעכן קול. צו אים פלעגט מען גיין ווי צו אַ רבין - נאָך אַן עצה, נאָך אַ וואָרט...

ער האָט זיך אויך אויסגעטיילט פון אַנדערע מיט זיין הייסן טעמפּעראַמענט. אין געזעלשאַפטלעכע דיסקוסיעס פלעגט ער שטענדיק זיך געפינען און דער פּאָזיציע פון אַן אָנגרייפער - פון אַן אומגעוואַקלטן חסיד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און פון זיין סאָוועטישן היימלאַנד.

געבוירן אין אוקראַינע (1906) אין דער שטאָט טשערנאָביל וואָס איז איצט באַוווסט אין דער גאַנצער וועלט, ווי דער סאָוועטישער סדום, מיט איר שוידערלעכן אַטאָם-אויפרייס. דער טאַטע זיינער - אַ מלמד און אַ חזן בן חזן. גערופן האָט מען אים חיים כאַצקל בערלס, און אירמע פלעגט זיך גרויסן מיט זיין חזנישן ייחוס און פלעגט אַ היפשע צייט זיך חתמנען אירמע - חיים כאצקל בערלס, דעם זיידן פון דער מאַמעס צד האָט מען גערופן רב יעקב משה. דער טאַטע אוןביידע זיידעס האָבן איינגעפלאַנצט אין האַרץ פון זייער זון און אייניקל תורה, תנ"ך, גמרא, הלכה, יידיש, העברעיש און... חזנות. און זיי זיינען געווען זיכער, אַז ניט שפּעטער ווי צו צוואַנציק יאָר וועט ער באַקומען סמיכות לרבנות און וועט איינעם פון זיי פאַרטרעטן אין דעם געביט.

דרוקער האָט זיך אויסגעטיילט מיט זיין מעכטיקן זכרון. ווען ער איז געווען אַלט 10 יאָר האָט ער שוין געקענט אַלע זעקס סדרי משנה אויף אויסנווייניק. חוץ דעם האָט ער געהאַט אַ ווונדערלעכן כוח הדמיון און אַ ביז גאָר אָפּענעם אויער. האָט ער געהערט איין מאָל אַ ניגון, האָט ער אים גלייך אויפגעכאַפּט און פאַרגעדענקט אויף אייביק. נגינה און מוזיק האָבן שטענדיק געהערשט אין זיין שעפערישן מוח און אמרואיקער נשמה.

די אָקטאָבער-רעוואָלוציע און די גרויליקע געשעענישן וואָס האָבן איבערגעקערט די וועלט, האָבן מיט איין מאָל לחלוטין איבערגעאַנדעשט אי. דרוקערס פּלענער און זיין ווייטערדיקן גורל. אַנשטאָט ווערן אַ רב, קומט אַן דער געניאַלער בחור און אָדעסער

פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, פאַרענדיקט אים צו 20 יאָר, און איינציייטיק פיר קורסן פון קאָנסערוואַנטאָריע.

זייער פרי האָט אי. דרוקער אָנגעהויבן שרייבן - אויף העברעיש, נאָר ניט האָבנדיק די מערגלעכקייט צו פאַרעפנטלעכן זיינע אַרטיקלען, גייט ער אַריבער אויף יידיש. אין 1927 (21 יאָר אַלט) ווערט ער שוין אָנערקענט. זיינע רעצענזיעס, קריטישע און פובליציסטישע עסייען דרוקן זיך אין די אָנגעזעענסטע זשורנאַלן. אין גיכן ווערט ער אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין די צייטונגען און פעריאָדישע אויסגאַבן פון מאָסקווע, קיעוו און אָדעס.

אין 1949 ווערט ער צוזאַמען מיט די אַנדערע יידישע שרייבערס, פּאָעטן, ליטעראַטער-פאָרשערס אין קולטור-טוערס אַרעסטירט און אַריינגעוואָרפן אין איינע פון די שוידערלעכסטע תפיסות, ווו אונטערן דרוק פון שרעקלעכע פּייניקונגען מאַכט ער דורך אַ פיזישע און גייסטיקע טראַגעדיע. די לעצטע איז געווען ענג פאַרבונדן מיט זיין אידעאָלאָגישער צעצווייאיקייט און אויך מיט זיין באַזונדערן נוסח פון שאַפן.

די דאָזיקן שטריכן טרעטן צומבולטסטן אַרויס אין זיין ראָמאַן "קלעזמער". אין אים זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן רעאַלע פיגורן - דער באַוווסטער פּעדאַגאָג, קאָמפּאָזיטאָר און דיריזשאָר פּרהצור און זיין גאונישער תלמיד, דער פידלער און פּעדאַגאָג - גרינדער פון דער אָדעסער קאָנסערוואַטאָריע י. סטאָליאַרסקי, און אַ סך אַנדערע פּערזענלעכקייטן פון דער יידישער קונסט. אינעם ראָמאַן ווערן אַרויסגעבראַכט וווּנדערלעכע פאָלקס-מאָטיוון, גאַנצע אויסצוגן פון תנ"ך, אגדה און מדרש. און אַלץ איז אָנגעשריבן מיט גרויס התלהבות, מיט בענקשאַפט צו דעם יידישן גלויבן, צום יידישן פאָלק - געשריבן מיט אַזאַ ליבשאַפט, אַז ס'איז פּשוט ניט צו פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט אָט דער הייסער פּראָפּאַגאַנדיסט פון "סאָציאַליסטישן רעאַליזם" זיך דערלויבט אויף אַזאַ "נאַציאָנאַליזם". עס האָט אָבער ביי אים געקלעקט פאַרשטאַנד און... פאָרזיכטיקייט... - ער האָט אָנגעשריבן... צוויי וואַריאַנטן - איינעם אויף צו פאַרעפנטלעכן - און דעם צווייטן - פאַרן שופלאָד, וואָס האָט געהאַט (ווי זיין בעל הבית) צוויי דנאָען.

דער ערשטער וואַריאַנט-אַן אויסגעווייקטער און כמעט אַ פאַרעווער - איז דערשינען אין 1940-טן יאָר. דער צווייטער - אוי, דער צווייטער - בעסער וואָלט ער אים ניט געשריבן, וואָס האָט דערזען די שיין אין 1974, איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די, וועלכע זיינען געקומען נאָך זיין נשמה אין 1949.

אין יענע טעג, ווען די ק.ג.ב.-לייט האָבן זיך געיאָגט נאָך יעדן יידישן שרייבער און געזעלשאַפטלעכן טוער, האָבן זיי זיך דערמאָנט אויך אין זייער הייסן חסיד - אין דעם מחבר פון די "קלעזמער". זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין זיין רייכער אַריסטאָקראַטישער דירה און בעת דעם נישטערן צווישן די ביכער און אַלע אַנדערע זאַכן, האָבן זיי געפונען דעם פאַרבאַהאַלטענעם צווייטן וואַריאַנט. און מער האָבן זיי שוין ניט באַדאַרפט. ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם געפערלעכסטן באַשולדיקונגס-אַקט און אין אַ גבית עדות, אַז דער מחבר איז אַ מורד במלכות. מען האָט אים באַלד אַרעסטירט און גענומען "אויספרעגן" - נאָך דעם ווי מען האָט אים צעבראָכן צוויי ריפּן און אויסגעהאַקט כמעט אַלע ציין, האָט דער שטאָלצער, אש-להבהדיקער פּראָפּאַגאַנדיסט זיך "צעבראָכן" און אָנגעהויבן... שיטן פעך און שוועבל אויף זיך אַליין און אויך אויף זיינע נאָענטסטע -

פעך־חברים און פריינד. די אַרויסבאַקומענע רערקלערונגען האָבן די מערדער באַלד אויסגענוצט אויף צו אַרעסטירן אַנדערע, און קודם כל זיין נאָענטסטן בן עיר, דעם באַוווסטן יידישן שרייבער נ.ל.

אין 1956 יאָר קערט זיך אי. דרוקער צוריק אַ היים - אַ האַלב לעבעדיקער: אַן ציין, אַן איינגעהויקערטער, ווייס־גרויער זקן, מיט אַ קראַנק האַרץ און רעוומאַטישע ווייטיקן. עטלעכע יאָר ליידט ער פון שווערער דעפּרעסיע.

- אַן אויסגעלאָשענע, פּאַרסמאַליעטע האַלטוועשקע - אַזאַ פלעגט מען זען אירמע דרוקערן. אַן אָנגעשפּאַרטער אויף אַ הויכן שטעקן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ פלעגט ער שעהנווייז זיצן נעבן דער טיר פון זיין הויז. פון צייט צו צייט פלעגט ער אויפהייבן זיינע האַלב־בלינדע אויגן צום הימל, און קוקן אין די ווייטן, און שטיל... שטיל גיסן קאַרגע ביטערע טרערן.

די צייט, אָבער, איז אַ דאָקטער. ביסלעכווייז האָט דער רעהאַביליטירטער אירמע אָנגעהויבן ווידער "טינטלען" (זיין וואָרט). ער שרייבט פאַרשידענע עסייען וועגן ש. מיכאָעלסן און ח.נ. ביאַליקן אין יידיש און אין העברעיש, וואָס דרוקן זיך אין וואַרשע און אין ישראל. זיין עפּיטאַפּיע וועגן אַ. שליאָנסקין האָט אַרויסגערופן באַוווּנדערונג ביי די ישראלדיקע שרייבערס און דיכטערס. אין 1964 יאָר דערזעט די שיין זיין ראָמאַן "דער זיידע מענדעלע" (וואַרשע). די לעצטע 15 יאָר, זייענדיק קראַנק און צוגעשמידט צום בעט שרייבט ער פאַרשידענע עסייען און קאַפּיטלעך פון אַ נייעם ראָמאַן - יוסף מיכאַל גוזיק, וואָס דרוקן זיך אין מאָסקווער זשורנאַל "סאָוועטיש היימלאַנד" (1980-1982) אין פאָרעם פן אַ באַזונדער בוך איז דער ראָמאַן דערשינען און 1990. אירמע דרוקער איז נפטר געוואָרן דעם 22 יולי 1982.

*

וועגן מענדעלע מוכר ספרים (ממו"ס), ווי באַוווסט, זענען אָנגעשריבן געוואָרן אַ סך ביכער, מאָנאָגראַפיעס, לידער און דערציילונגען. אי. דרוקער האָט זיי אַלע געלייענט און פאַרגעדענקט. עס איז אויך כדאי צו באַטאָנען, אַז ער האָט קיין מאָל ניט איבערגעחזרט דאָס וואָס ער האָט אַליין געשריבן, און ניט צוגערירט זיך צו טעמעס, וועלכע עס פלעגן אויסנוצן זיינע פעך־חברים. דערפאַר טאַקע האָט דאָס דערשיינען פון "דער זיידע מענדעלע" אַרויסגערופן ביי אַלע ליטעראַטור־פאָרשער און קריטיקער אַ פראַגע - פאַרוואָס האָט דער צעהרגעטער אירמע דרוקער באַלד נאָכן אומקערן זיך פון לאַגער באַשלאָסן זיך פאַרנעמען מיט דער אויסגעדראָשענער טעמע.

אויף אָט דער האַרבער פראַגע איז עד היום קיין קלאָרער ענטפער ניטאָ. עס זיינען דאָ פאַרשידענע ניט פאַרעפנטלעכטע השערות. וועלן מיר פרווון געבן אַן אייגענעם ענטפער אויף איר. אונדזער השערה באַזירט זיך אויף פאַרשידענע פראַגמענטן - אירמע דרוקערס באַשרייבונגען און אָריגינעלע אינטערפּרעטאַציעס פון ממו"ס לעבן.

"דער זיידע מענדעלע" הויבט זיך אַן מיט שלום עליכמס פראַזע "מענדעלע מוכר ספרים אין לעבן איז אַליין אַ בוך". ווי עס האָט זיך אַרויסבאַוויזן, איז וועגן מענדעלען אין דעם טאָגטעגלעכן לעבן אָנגעשריבן געוואָרן זייער ווייניק. און אָט די הנחה איז געוואָרן דער הויפּט־דעוויז, דער וויכטיקער סטימול, וואָס האָט פאַרכאַפּט אי. דרוקערס "מעכטיקע פאַנטאַזיע". ער האָט גענומען פאָרשן, שטודירן אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דעם ענין.

דערלערנענדיק פֿאַרשידענע אַרכיוו־מאַטעריאַלן, פֿריער ניט פּובליקירטע דאָקומענטן און בריוו, האָט אירמע אויסגעפֿונען אַ סך איבערלעבונג־און כאַראַקטער־שטריכן ביים "זיידן מענדעלע", וועלכע, לויט זיין מיינונג, האָבן געהאַט אַ גרויסע נאָענטקייט צו זיין אייגענער פּערזענלעכקייט און איבערלעבונגען. אירמע באַשליסט אויסנוצן די אַנטדעקונג, כדי זיך באַשיצן מיט ממו"ס - אויטאָריטעט.

ווי עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן האָבן נאָך זיין אומקערן זיך אַ היים זיך פֿאַרשטאַרקט זיינע יסורים, און קודם כל די ליידן פֿון חרטה, פֿון זעלבסט באַשולדיקונג און געוויסנסביסן. אירמע האָט באַשלאָסן זיך מתודה זיין - זאָגן ודוי, על חטא - אָבער אויף אַ באַזונדערן אָריגינעלן אופֿן - דורך אַ ראָמאַן - אַן אויסגעוויייטיקט בוך וועגן מענדעלע מוכר ספֿרים.

און אָט ווי עס קומט פֿאָר דער גלגול הנשמות:

אין זיין ערשטן יידישן בוך "דאָס קליינע מענטשעלע" ווי באַוווסט, שילדערט מענדעלע מיט גרויס אומרחמנותדיקייט דעם גביר יצחק תקיף. און פֿון דעם עפּיזאָד טאַקע הויבט אָן דרוקער דעם ספּור המעשה פֿון דעם "זיידנס" ביאָגראַפֿיע:

"קומט יצחק תקיף צו מענדעלען מיט אַ טענה, בזה הלשון: טייערער מחבר, איר אַליין האַלט, אַז דאָס סאַמע קלענסטע מענטשעלע איז אַ גרויסע וועלט פֿאַר זיך! פֿאַרגעסט ניט, אַז איידער איך בין געוואָרן "אַ וואַרגער", בין איך אַליין געווען דער דערוואָרגענער. ווער עס האָט ניט געהאַט גאָט אין האַרצן האָט מיך געוואָרגן". און ווייטער בעט יצחק תקיף דעם מחבר אַראָפּנידערן צו אים:

- אדוני מחבר, זאָל אייער גרימצאָרן ניט פֿאַרבלענדן אייערע אויגן, זעט אין מיר נישט דעם וואַרגער נאָר דעם בעל חרטה, וואָס האָט זיך מתודה געווען אויף זיינע זינד, און תשובה, חרטה און וידוי קאָנען דאָך מבטל זיין די גרעסטע גזרה"

אָט די אָפּענע רייד זיינען אָנגעשריבן אויף דעם ערשטן זייטל פֿון דרוקערס בוך "דער זיידע מענדעלע".

נאָר דער וואָס איז באַקאַנט מיט אַלץ, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן וועגן אונדזער יידישן אברהם אבינו, וועגן דעם גרינדער פֿון דער יידישער ליטעראַטור, דעם הערלעכן מענדעלע מוכר ספֿרים קאָן ניט מסכים זיין מיט אַזאַ אָנהויב. אַזאַ אָנהויב האָט ניט צו טאָן מיט מענדעלען - אַזאַ אָנהייב, ווי מיר ווייסן שוין, האָט אַן אינטימען שיכות צו אי. דרוקערן. דאָס האָט ער געזוכט דעם וועג און האָט אים געפֿונען, כדי אָנהייבן טון תשובה - אַראָפּנעמען פֿון זיין האַרץ דעם שווערן שטיין. און כאָטש אי. דרוקער פֿאַרשטייט, אַז חרטה איז ניט מעשה סוחר, פֿאַרענדיקט ער די ערשטע זייטלעך פֿון זיין ראָמאַן מיט די ווערטער:

"ודוי קויפֿט אויס די זינד נאָר ביים אָנהייב לעבן, ביים סוף לעבן איז עס מער ניט ווי מורא פֿאַרן טויט". - געוויסנסביסן, חרטה, מורא פֿאַרן טויט - דאָס זיינען פּיינלעכע געפֿילן, וועלכע לאָזן ניט רוען ניט נאָר אי. דרוקערן. אויך אַנדערע גרויסע שרייבער און פֿילאָסאָפֿן, וואָס האָבן געזינדיקט, האָבן פֿאַר זייער טויט געזוכט וועגן זיך מודה צו זיין. זשאַן זשאַק רוסאָ האָט צוליב חרטה און מורא פֿאַרן טויט איבערגעלאָזט זיין אומשטערבלעכע "ודוי", וואָס האָט ביז היינט ניט פֿאַרלוירן איר גרויסן מענטשלעכן און ליטעראַרישער ווערט. די אייגענע מאָטיוון האָבן באַהערשט אי. דרוקערן און אָנגעפֿירט מיט זיין ריכטערישער פֿען, ווען ער האָט געשריבן זיין ודוי "דער זיידע מענדעלע".

אויך אין די אַנדערע קאַפּיטלעך פון דעם בוך זיינען אַריינגעוועבט פיל אויטאָביאָגראַפישע מאָמענטן, איבערלעבונגען, זעלבסט-באַשולדיקונגען און אויך... זעלבסט-באַשיצונגען.

אין דעם ערשטן קאַפּיטל דערציילט אירמע דרוקער וועגן דעם גלגול פון שלמה אַבראַמאָוויטשעס נאָמען, ווי אַזוי עס איז געשאַפן געוואָרן דער נאָמען מענדעלע מוכר ספרים, און וועגן זיין קאַמף מיט א. צעדערבוימען, דעם רעדאַקטאָר פון "קול מבשר", וווהין דער מחבר האָט אַוועקגעשיקט דאָס בוך. ער קלייבט איבער פאַרשידענע נעמען. פאַר זיינע אויגן גייען דורך פאַרשידענע פאַרשוינען, געשטאַלטן, וואָס בעטן ש. אַבראַמאָוויטשן ער זאָל זיי אויסקלייבן פאַר זיין פסעוודאָנים און געבן זיי אַ תקון. נאָר קיינער געפעלט אים ניט. און פּלוצעם, אין אַ ווינקל, דערזעט ער "אַ דערשלאָגענעם מענטש". דער מחבר דערקענט אים און דערפרייט זיך:

"רב סענדערל! סענדערל מוכר ספרים! – דאָס זענט איר – האַ? אַ ברייטן פיינעם שלום עליכם אייך! אָט אייך האָב איך טאָקע געזוכט! סאַראַ גליקלעכע באַגעגעניש".

דאָס איז געווען דער אַלטער באַקאַנטער נאָמען פון דעם מוכר-ספרימניק, וועלכער פלעגט קומען אין שטעטל און אַרויסרופן ביי די יידישע לייענער די גרעסטע שמחה. צענדליקער יינגלעך פלעגן גאַפן פון סענדער מוכר ספרימס מעשיות. און דער מחבר פון "דאָס קליינע מענטשעלע" פאַרטראַכט זיך:

– "פאַרוואָס זאָל איך זיך ניט אונטערשרייבן מיט זיין נאָמען?, פאַרוואָס ניט גיין אויף די וועגן פון סענדערל" (...) "פאַרוואָס, ניט אַרומפאָרן, ווי ער, ניט באַטראַכטן יעדן נפש, ניט אַריינזאָגן אַ ביסל מוסר און פאַר איינוועגס לאָזן אַ טרער. זיך אויסגיסן דאָס האַרץ?"

אָבער ווען "דאָס קליינע מענטשעלע" איז אַריינגעפאַלן צו א. צעדערבוימען, האָט ער עס באַלד אָפּגעוואָרפן:

– ערשטנס צוליב דעם, וואָס דאָס איז געווען דאָס ערשטע ביכל געשריבן אין ייִדיש, בעת דער מחבר איז שוין געווען באַוווסט ווי אַ העברייער. און צווייטנס... אַ. צעדערבוימען איז ניט געפעלן געוואָרן דער נאָמען סענדערל. ווייל זיין אייגענער נאָמען איז געווערן אַלעקסאַנדער – אין פּראָסטן ייִדיש "סענדער" "און דאָ גאָר אַ סענדערל – מעשה חוזק". (ז. 16)

אַ. צעדערבוים האָט באַטראַכט דעם מאַנוסקריפּט און דעם "סענדערל", וועלכער האָט זיך פאַרקליבן אין אויבן אָן פון דעם ווערק און מיט עטלעכע ענערגישע שטריכן האָט ער פאַרמעקט "סענדערל" און אָנגעשריבן "מענדעלע". (ז. 16)

ש. אַבראַמאָוויטש האָט ניט געקאָנט שענקען צעדערבוימען די גוואַלטיק אָפּעראַציע, וואָס ער האָט געמאַכט מיט זיין נאָמען, און ס'איז אַוועק אַ פאַרביסענער קריג – אַ פייערדיקער בריוו-אויסטויש צווישן דעם יונגען מחבר און דעם בכבודיקן, באַוווסטן רעדאַקטאָר, וועלכער האָט אַרויסגעלאָזט אויך צוויי רוסישע זשורנאַלן ("ראַסוועט" און "וויעסטניק רוסקיך יעווריעיעוו")

אויך אָט די געשעעניש אין מענדעלעס לעבן האָט געהאַט איר אַנאַלאָגיע אין אירמע דרוקערס ביאָגראַפיע. אין אַ בריוו צו זיינעם אַ פריינד, דעם ייִדישן ביבליאָגראַף מ. ראַזענהויז (מאָסקווע) האָט אירמע דרוקער באַשריבן ווי אַזוי עס איז אויפגענומען געוואָרן זיין ערשטע רעצענזיע וועגן דעם "דבוק", וואָס ער האָט אַוועקגעשיקט אין אַ

קיעווער יידישן זשורנאַל (1925) און זיך אונטערגעשריבן מיט זיין נאָמען "ירמיהו כאַצקל-בערלס, דרוקער". אין גיכן האָט ער דערהאַלטן אַ שטרענגן בריוו פון דעם רעדאַקטאָר:

– ביז מיר האָט איר דאָך געשריבן אויף לשון-הנביאים. און דערצו... אין אונדזערע צייטן שרייבט איר זיך אונטער מיט אַזאַ צעדרייטן, משנהדיקן נאָמען. ס'איז אייך ווייניק געווען פשוט דרוקער. האָט איר מער ניט אויסגעפונען, ווי "ירמיהו" און אָנשטאָט אָנשרייבן "הנביא" האָט איר גאָר ניט בעסערס געפונען ווי "כאַצקל בערלס". ניט אַנדערש, ווי איר זייט ניט ביים זינען...

אירמעס ענטפער דערויף איז געווען: – מיין נאָמען איז אַלט, מיין נאָמען איז ניי, מיין נאָמען איז אייביק! איר זייט מיר פשוט מקנא און פון קנאה קומען אַלע אומגליקן. קנאה געבוירט אומזיסטיקע שונאים, און אַן אומזיסטיקער שונא איז דער סאַמע געפערלעכסטער. איר הערט? – דער סאַמע געפערלעכסטער! לויט אי. דרוקערן האָט טאַקע אַזוי מענדעלע געענטפערט צעדערבוימען (ז.10).

צוליב וואָס קערט זיך אום אירמע דרוקער צו דער טעמע פון קריג צווישן דעם "זיידן" און זיין רעדאַקטאָר און ווידמעט דעם קריג אַ גאַנצן קאַפּיטל? לויט אונדזער מיינונג באַשטייט דער ענטפער אין דעם: אירמע דרוקער איז יאָרן לאַנג געווען אַ רעדאַקטאָר פון פאַרשידענע אויסגאַבעס און האָט ניט איין מאָל געשריבן שמייסנדיקע און בייסנדיקע אָפּרופן. מיר האָבן דאָס רעכט זיך משער זיין, אַז נאָך דעם ווי אירמע איז אַרויס פון קאָנצענטראַציע לאַגער און האָט אָנגעהויבן אויף דאָס ניי איבערקוקן זיינע אייגענע מעשים, האָט ער שוין געקאָנט זיך פאַרגינען דערציילן "את חטאי אני מזכיר היום"

אי. דרוקערס אויפגאַבע איז אין דעם פאַל געווען צוציען דעם אויפמערק פון זיינע לייענער און קודם כל פון זיינע פען-חברים, וועלכע האָבן ניט געוואָלט פאַרגעסן זיין זינד, און דערקלערן זיי, אַז ער (אירמע דרוקער) איז געווען ניט דער איין און איינציקער – מענדעלע איז אויך געווען אַ חוזק-מאַכער "פון זיין גרימצאָרן", אַז ער פלעגט זיך צעפּאָכען "זאָל גאָט אָפּהיטן". און פון דעסטוועגן האָט מען אים מוחל געווען.
– "זייט זשע, איך בעט אייך, אויך מוחל מיר".

*

אין דעם צווייטן קאַפּיטל "למד וואָוניקעס" פירט אי. דרוקער אַרויס וואונדערלעכע יידישע פערזענלעכקייטן, וואָס זיינען געווען נאָענט באַפריינדעט מיט מענדעלען און נעמען אָנטייל אין זיין טאָג-טעגלעכן לעבן. ער שרייבט וועגן זיי מיט ליבע און אַזוי וואָרהאַפטיק, אַז עס דאַכט זיך, אַז ער איז אַ גבית-עדות און איז בייגעווען ביי דעם אַלעמען.

קינסטלעריש, מיט פינקטלעכע ווערטער, באַשרייבט אי. דרוקער מענדעלעס אויסערלעכן אויסזען, זיינע באַוועגונגען און זיטן, זיין מאַיעסטעטישע פיגור, זיינע אומרואיקע הענט, ווייל זיי נעמען אָנטייל אין יעדן געשפּרעך. און דאָס אייגענע טוט ער ווען ער באַשרייבט די אַנדערע פערסאָנאַזשן, מיט וועלכע מענדעלע פאַרברענגט זיין צייט. און אַפילו דאָ, אין דער קינסטלערישער אָביעקטיווקייט, קאָן דער מחבר זיך נישט איינהאַלטן – און ניט אַריינמישן זיינע אייגענע איבערלעבונגען און סוביעקטיווע סענטענציעס.

אירמע דרוקער דערציילט וועגן דעם "יידישן הומבאָלדט", וועגן חיים־זעליק סלאָנימסקין, דעם ליידנשאַפטלעכן פּאָלעמיסט, וועלכער האָט זיינע 30 יאָר געווידמעט דער אויסרעכענונג פון דער יידישער יאָרציילונג און איז באַלוינט געוואָרן אין 1884 מיט דער אַקאַדעמיע־פּרעמיע פאַר דערפינדן די ערשטע רעכענונג־מאַשין... און טאַקע דאָ גליטשט זיך אי. דרוקער אַראָפּ פון וועג און הייבט אָן דערציילן פון פאַרשידענע טעותן, וועלכע עס האָבן געמאַכט מענדעלע און זיין פריינד ח.ז. סלאָנימסקי (וועלכע טעותן איז ניט קלאָר). נאָר ער פאַרענטפערט זיי:

– "איך און אַזעלכע, ווי איך האָבן ניט געהאַט קיין משהן, וואָס זאָל צו אונדז אַראָפּנידערן פון באַרג סיני און אונטערטראָגן אַ גרייטע תורה. יעדער איינער פון אונדז האָט פאַר זיך געדאַרפט ווערן אַ משה און שאַפן נייע תורות. אין פינצטערע נעכט, אָן איין שטערן, אין שלאַקס־רעגנס, אין שטורעמס, אין דונערן און אין בליצן האָבן מיר געמוזט קלעטערן אויפן הויכן באַרג, און אַליין, אַליין דערגיין, אַליין דערגרייכן" (ז. 36).

עס גלויבט זיך ניט, אַז מענדעלע, דער גרויסער בעל־מאַמין, דער, וועלכער האָט שטענדיק געלערנט, אַז מיר דאַרפן געדענקען און הערן אונדזערע אבות, גרויסן זיך מיט אונדזער תורה, אַז ער זאָל אַזוי זיך גרויס האַלטן און גרינגשאַצן די תורה. דאָס איז ניט מער ווי "פּראָפּאַגאַנדע": פון די ציטירטע ווערטער לאָזן זיך הערן די לאָזונגען, וועלכע מען פלעגט אָפט הערן אין די פּאָליט־אינפאָרמאַציעס אין דעם "גליקלעכן, פרייען קאָמוניסטישן היימלאַנד". דאָס פּרוווט אירמע דרוקער אונדז פאַרטייטשן, פאַרוואָס ער און אַזעלכע ווי ער, האָבן געמאַכט עטלעכע טעותן אין לעבן. דערביי געפינט ער אָבער אין זיך גענוג כוח אָפן וועגן דעם צו רעדן און שילדערן דעם חטא מיט פאַרשפּעטיקטער אויפריכטיקייט.

לאַנג, זייער לאַנג האָבן זיך געצויגן "די פינצטערע נעכט, אָן איין שטערן, די דונערן און בליצן", און דערפאַר קלינגט אַזוי נאָענט און אַקטועל אי. דרוקערס עדות־זאָגן:

"און האָבן מיר שוין דערגרייכט, האָט מען אונדז אין ערגעץ נישט דערלאָזן און אונדזערע נעמען זיינען געבליבן אומבאַקאַנט". אי. דרוקער טראָגט אָפּ די ווערטער צו די יאָרן 1884 און שפּעטער ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אָבער מיר ווייסן, געדענקען און טאָרן ניט פאַרגעסן, אַז אין חדש תחת השמש – די זעלבע געשעענישן האָבן זיך איבערגעחזרט אין 1949 און 1953 און אויך שפּעטער. און ווער ווייסט ווי אַזוי וועט דאָס זיין מאָרגן. "כי בכל דור ודור עומדים עלינו להרגנו".

*

אין דעם דריטן קאַפּיטל "אין דער נאַכט פון גלות", באַווייזט זיך פאַר אונדז דער זיידע מענדעלע אין פאַרשידענע "טאָג־טעגלעכע" סיטואַציעס. אָט איז ער אין וועג – ער פאָרט קיין פעטערבורג באַזוכן זיין קראַנקן זון מיכאעל. מיר זעען, ווי ער שפּאַנט אַהין און צוריק איבער די זאַלן פון אָדעסער וואָקזאַל. ער קוקט זיך צו צו יעדן פּאַסאַזשיר און אין קורצע שאַרפע ווערטער כאַראַקטעריזירט ער יעדן איינעם. געקומען זיינען אים באַגלייטן קליין און גרויס – אַלע ווינטשן אים דערפאָלג, גיבן עצות ווי אַזוי אַריינשמוגלען זיך אין דעם פאַרבאָטענעם פאַר יידן, פעטערבורג, ווי אַזוי אונטערקויפן די פּאָליציי וכדומה... מענדעלע וואַרפט אָפּ אַלע אומלעגאַלע מיטלען... און אָט איז ער שוין אין וואַגאָן. פאַר זיינע אויגן טראָגן זיך פאַרביי פאַרשידענע בילדער. פון די

ערשטע מינוטן ציט ער צו צו זיך דעם אויפמערק פון די פּאַסאַזשירן.

- ווער איז ער?

לויט זיין שטאַלטנער פעסטער פיגור איז ער ענלעך אויף אַ מענטש, וועלכער האָט לאַנג געדינט אין מיליטער. אָבער דער שמייכל! דער שמייכל, וואָס גייט ניט אַראָפּ פון זיין פּנים לייקנט עס אָפּ - אַ מיליטערמאַן קאָן אַזוי ניט שמייכלען. ווער זשע איז ער? דער שטערן פון אַ דענקער און געלערנטן. און אויגן? - אויגן זיינען ביי אים יונגע, שטיפערישע, אומרואיקע, וואָס לאָזן קיינעם ניט אַדורך און דרינגען אַריין אין יעדענס נשמה.

און אַז די אַרומיקע דערוויסן זיך ווער ער איז, פאַרוואַנדלט זיך דער וואַגאָן-קאָרידאָר אין אַן אויפנעם-צימער. מען עצהט אים, מען פאַרגיט אים פראַגן, מען רעדט זיך אויס פאַר אים דאָס האַרץ, מען בעט אים, מען זוכט זיין באַשיצונג אין דער צייט, ווען... ער אַליין נייטיקט זיך אין הילף און אין שוץ.

אין פּעטערבורג טרעפט זיך אָן ממו״ס מיט גרויסע שוועריקייטן. מען וויל אים ניט געבן די רעכט אויף וווינען. דער בעל-הבית פון מיכאָעלס דירה האָט "אונטערגעשמירט" און מען האָט אים צוגעשריבן אַלס... אַ לאַקיי. און דאָס צערודערט מענדעלען. און "מענדעלע ווייטיקט, מענדעלע בושוועט, מענדעלע שרייט: אַ לאַקיי מעג וווינען אין פּעטערבורג! אַ שרייבער, און דערצו נאָך אַ יידישער טאָר ניט! סאַראַ חרפּה, סאַראַ בושה" (ז. 58) שרייען שוין ביידע - מענדעלע און זיין ביאָגראַף אי. דרוקער.

אי. דרוקער שרייט, ווייל אויך די דאָזיקע געשעעניש האָט צו אים אַ נאָענטע און אינטימע שיכות.

מיט "ווערים" איז אויך אים אָנגעקומען זיין באַזעצן זיך אין אָדעס נאָך זיין אומקערן זיך צו דער משפּחה פון לאַגער. ביז דעם אַרעסט האָט אי. דרוקער מיט זיין פאַמיליע געוווינט אין אַ ביז גאָר רייכער און פיינער דירה אין דעם צענטער פון אָדעס. ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים איז זיין דירה געווען פאַרנומען. אין איר האָט געוווינט אַ גרויסער שררה פון דער ק.ג.ב., און זיין פרוי און טאָכטער האָבן געוווינט אין אַ קליין שטעטל. דער פּראָצעס פון אומקערן זיך קיין אָדעס האָט זיך פאַרצויגן אויף צוויי יאָר. ביני לביני האָבן גוטע מענטשן געהאָלפן אים זיך איינאָרדענען אין אָדעס, מען האָט אים געגעבן אַ צייטווילייקע וווינונג און צוגעשריבן אים אַלס "דוואָרניק".

וועגן דער היסטאָריע מיט דעם צושרייבן זיך און באַקומען אַ נייע דירה האָט אי. דרוקער געשריבן צו זיינע פריינד:

"מיינע טייערע, איך האָב אין מיין לעבן געהאַט אַ סך פינצטערע יאָרן, נאָר אַזאַ פינצטערע, ווי היינט, האָב איך זיך ניט גערעכט צו האָבן. די הענט ציטערן מיר, דאָס האַרץ קלאַפּט שרעקלעך. עס גיסן זין ביי מיר טרערן טייכנווייז, איך בין צעטומלט, איך קאָן ניט רעדן".

די דאָזיקע ווערטער זיינען איינגעגלידערט אין געענדזן-פיסלעך, און ווייטער איז צוגעשריבן: איך האָב זיי גענומען פון ממו״ס בריוו, וועלכען ער האָט געשריבן אַהיים פון פּעטערבורג. צוליב דעם בזיון און ווייטיק וואָס דער "זיידע מענדעלע" האָט געליטן, אַנטלויפט ער פון פּעטערבורג און קערט זיך אום אַהיים.

אין גיכן דערזעען מיר מענדעלען אין דער אָדעסער תלמוד-תורה, מיט וועלכער ער האָט יאָרן לאַנג אָנגעפירט ווי אַ דירעקטאָר.

*

אין דעם זעלבן צייט־אָפּשניט לעבט איבער דער זיידע אַ גרויסע פּערזענלעכע טראַגעדיע. פון טיפּוס שטאַרבט זיין טעכטערל רחל, אַ טאַלאַנטפולע מאָלערין. אין דעם קאַפּיטל "ביי פּאַרהאַנגענע שפּיגלען" דערזעען מיר דעם זיידן אין שבעה־טרויער. אַ דערשלאָגענער וואַנדערט ער פון איין חדר און צווייטן. ער קומט צו צו רחלס ביכער־שראַנק, נעמט אַרויס פון דאָרטן איר אַרכיוו, באַטראַכט אירע עקסקיזן, פּייזאַזשן, פּאָרטרעטן. טרערן פאַרגיסן זיינע באַקן. ער פאַרקוקט זיך מיט אַ מאָל אויף אַ בילד "צווי הימלען" - ער גייט צו נעענטער, טרעט אָפּ ווייטער. וואָס מער בילדער ער קוקט איבער, אַלץ מער ווערט ער מרה שחורהדיק, פאַרזינקען אין טרויעריקע מחשבות. אין יעדן געמעל דערקענט ער עפּעס זיינס, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן איר, זיין טאָכטער. זי האָט געירשנט זיין ליבע צו נאַטור, צום פּאָרטרעט. "זיין קרעדאָ איז געווען איר קרעדאָ". (ז. 87) טאַקע אין דעם מאָמענט דערהערט ער טריט. דאָס קומט אַריין אין צימער זיין פרוי.

– "אַ גוט מאָרגן" – פּאָלינע פאַרויטלט זיך, לאָזט אַראָפּ די אויגן. זי קאָן ניט זיך פאָרשטעלן, ווי אַזוי האָבן אירע ליפּן אַרויסגעבראַכט דאָס וואָרט "גוט" – וואָס פאַר אַ גוט מאָרגן? וועלכער גוט מאָרגן?

– אַ גוט יאָר דיר, פּעסעניו.

פונעם וואָרט "גוט" ווערט ניט גוט מענדעלען! ביידע בלייבן זיי שטיין, איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, און... שווייגן, ווייסן ניט וואָס צו טראַכטן, ווי אַזוי טרייסטן איינער דעם צווייטן. און "פּעסיעניו" – פּאָלינע רייסט איבער דאָס שווייגן:

– "ווי פילסטו זיך, ווי גייט עס ביי דיר מיט דער מוזע?

אַ שווערער זיפץ, אַ ווייטיקדיקער קרעכץ רייסט זיך אַרויס איידער ער קאָן אַרויסקוועטשן פון זיך אַ וואָרט.

– "מוזע" – פּעסיעלע – "שטאַמט פון וואָרט "מוזן" – מע מוז. שרייבן מוז מען שטענדיק!" (זז. 90-91)

– זיי קערן זיך אָפּ איינער פון דעם אַנדערן, ווי פאַרגליווערטע קוקן זיי לאַנג אַרויס אין דרויסן.

נאָר אַ גרויסער קינסטלער מיט אַ געוואַלטיקן כוח־הדמיון און טאַלאַנט אויף אַריינלעבן זיך אין די געפילן פון זיינע פּערסאָנאַזשן קאָן אָנמאָלן אַזאַ רעאַליסטישן, אמתדיקן פּאָרטרעט.

די שרעקלעכע פּערזענלעכע טראַגעדיע און די אָדעסער פּאָגראָמען אין 1905 האָבן פאַרטריבן מענדעלען אין דער שווייץ. אין געציילטע טעג האָט גאַנץ יידיש־שווייצערלאַנד זיך דערוווּסט, אַז דער "זיידע" איז געקומען אַ הער אַלס אַן עמיגראַנט. צוזאַמען מיט אים "פּאָרט אַריבער" זיין ביאָגראַף, וועלכער דערציילט:

"ווייזט זיך נאָר מענדעלע אויף דער גאַס, רינגלט מען אים אַרום פון אַלע זייטן און מען לאָזט אים ניט צורו. אַלע ווילן אים הערן – הערן די נייעס פון רוסלאַנד, פון אָדעס, וועגן די בלבולים אויף די יידן".

וועלכע בלבולים, אָבער, האָט אין זינען אירמע דרוקער?

מענדעלע איז שוין לאַנג אויף דעם עולם האמת, און ניט נאָר זיינע מיטצייטלער נאָר

אויך די קומענדיקע דורות האָבן שוין כמעט פאַרגעסן די בלבולים פון יענער צייט. אירמע ראַקעגן ווייסט פון בלבולים, וואָס זיינען אויפגעקומען און האָבן זיך פאַרשפּרייט אין לאַנד, ערשט ניט לאַנג, אין זיין צייט. ער האָט זיי אַליין איבערגעלעבט און געוואָרן זייער קרבן. דערפאַר שרייט ער אין מענדעלעס און אויך אין זיין אייגענעם נאָמען: "די יידן וועט מען קיין מאָל נישט מוחל זיין דערפאַר וואָס זיי האָבן געטויט יעזוסן, דערפאַר וואָס זיי האָבן געבוירן מאַרקסן".

מאַרקסן?! – וואָס האָט צו טון מענדעלע מיט מאַרקסן? מענדעלע האָט ניט געקענט מאַרקסן און זיין תורה ניט געלערנט. אָבער אי. דרוקער? ער האָט ניט נאָר געלערנט, נאָר יאָרן-לאַנג געפּריידיקט זיינע אידעען און נאָר איצט, ווען ער איז אַרויס פון מאַרקס "גיהנום", שרייט ער: "מען וועט אונדז קיין מאָל ניט שענקען מאַרקסן אויך".

און "מענדעלע" (אירמע) הייבט אָן זידלען "מענדעלען" (אירמען) – ער באַשולדיקט זיך, אַז ער איז אַ מאָל געווען קעגן ח.נ. ביאַליקן, קעגן ביאַליקס "שחיטה שטאָט", אין וועלכער דער פּאָעט האָט געצאָרנט קעגן אָנמאַכט. ער האָט דאָס בשעתו אויפגענומען ווי אַ פאַרשווערונג פון ח.נ. ביאַליקס זייט. איצט פאַרשייט ער, אַז ער האָט זיך טועה געווען. און איצט צוזאַמען – מענדעלע און זיין ביאָגראַף – שרייען אַרויס: איי, בין איך ווערט שמיץ! איך האָב זיך שטאַרק געטשפּעט צו ח.נ. ביאַליקן, צו זיין "המתמיד", צו זיין אריה בעל גוף. איך שטיי אויף די קני פאַר אים און שריי – האָב רחמנות און זיי מיר מוחל! פאַרגעס וואָס איז געווען".

מיט מענדעלען ציט זיך ניט די צייט. ווען מענדעלע וואָלט געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט אין "ענגלישן גאָרטן" אין זשענעווע וואָלט זיך קיינער ניט גערירט. ער זיצט און אַרום אים שטייען יונגע, אַלטע און הערן ניט אויף צו באַוווּנדערן דעם "זיידן" וואָס צויבערט אַלע מיט זיינע רייד, און אַפילו מיט זיין שווייגן.

מענדעלע הייבט אויף אַ זשמעניע בלעטער, גלעט זיי און באַשמעקט זיי און אַ דערפרייטער גיט ער צו וויסן:

– אַזעלכע בלעטער זיינען אויך ביי אונדז פאַראַן, ביי אונדז אין ווייסרוסלאַנד, ביי אונדז אין וואָלין, ביי אונדז אויף אוקראַינע, אָבער... אַ חוץ דעם זיינען ביי אונדז פאַראַן אַזעלכע בלעטער, וואָס דאָ זיינען ניטאָ.

און מענדעלע פאַרמאַכט די אויגן און אַ פּאָר מינוט שווייגט ער און שרייט אויס:

– אָדעס, אָדעס אחריך אני מת!

ווייזט אויס אַ פאַרפאַלענע זאַך – קיין צווייטע היים איז אויף דער וועלט ניטאָ!

און אירמע דרוקער כאַפּט אויף דעם זיידן, פאַרפּאַקט זיינע וואַליזעס און ברענגט אים באַלד צוריק אַהיים, קיין אָדעס. דאָס מאָל שוין אויף אייביק – צו באַשרייבן די לעצטע יאָרן, חדשים און טעג פון זיין לעבן.

*

דער אָנגריף פון טאָג-טעגלעכן לעבן האָט גאָרניט געקאָנט מאַכן מיט מענדעלען. לאַנג, זייער לאַנג האָט מענדעלע ניט געלאָזט, אַז די זקנה זאָל אַרויפשפּרינגען אויף זיינע פּלייצעס, אויף זיין פּנים און אויף זיין זכרון. די עלטער איז אים באַפאַלן אין שטורמיקן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט-מלחמה. מענדעלעס גדיכטע שניי-ווייסע לאָקן האָבן אָנגעהויבן ווערן שיטערער און שיטערער. די עלטער האָט אים איינגעוואַלגערט, אויסגעריסן די ציין. די באַקן זיינען איינגעפאַלן, די קנייטשן זיינען געוואָרן טיפער און אין יעדן קנייטש האָט זיך די עלטער אַלץ מער נוקם געווען אין

דעם "יונגן, שטאָלצן מאַן".

מענדעלע האָט פאַרלוירן זיין קלאָרע אויסדריקלעכקייט. ער ווייטיקט אין ליידט פון די "יידישע קרבנות אין די שלאַכטן". ער קאָן ניט פאַרשטיין פאַרוואָס קומט אום דער יידישער סאָלדאַט און איצט (יאָרן נאָכן לאַגער) שרייט אויס אי. דרוקער:

"פון אַלע רעכט האָט מען אונדז בלויז איין רעכט געגעבן – די רעכט געהרגעט צו ווערן אין צייט פון פרידן און אין צייט פון מלחמה" (...) "סאַראַ אומרעכט! סאַראַ אומזין, סאַראַ הימל־געשריי" (ז. 125)

מענדעלע ליגט אין בעט און קאָן שוין מער ניט שרייבן. דער סעקרעטאַר זיינער פאַרשרייבט וואָס מענדעלע דיקטירט. אָבער עס הייבן אָן אויספעלן ווערטער. אַלץ שוואַכער ווערט דער זכרון. און מענדעלע קריגט זיך מיט גאָט:

– גאָטעניו, ס'איז נאָך דאָ אַ וועלט מיט אַרבעט. דו ווילסט דאָך נישט אַז דער מענטש זאָל שטאַרבן. דו פאַרלאַנגסט דאָך נאָר, אַז ער זאָל זיך שלאָגן על חטא:

– על חטא, על חטא – איך האָב געזינדיקט ברצון – מיט אייגענעם ווילן! על חטא – איך האָב געזינדיקט מיט אַראָפּנעמען דעם הימל צו דער ערד, על חטא פאַר אָפּלייגן ודוי אויף שפּעטער! מענדעלע כאַפּט דעם שטעקן און קלאַפּט אין דיל. מענדעלע טענהט און בעט. און פּלוצעם פאַלט דער שטעקן, און מענדעלעס האַנט פאַלט הילפלאָז אַראָפּ!

– "גיי שריי מענדעלע, קיין ענטפער וועט שוין ניט קומען"!

אָט אַזוי פאַרענדיקט אי. דרוקער מענדעלעס ביאָגראַפיע – זיין פשוט לעבן און ביז גאָר ניט פשוטן טויט.

איז דאָס טאַקע אַזוי פאָרגעקומען? – האָבן מיר די רעכט צו פרעגן.

עס קאָן זיין, אַז יאָ. דערויף איז אי. דרוקער אַ טאַלאַנטפולער קינסטלער, וועלכער איז מסוגל אויסמאָלן דאָס, וואָס איז ניט געווען, נאָר וואָס עס וואָלט געקאָנט זיין!

איך בין אָבער איבערגעצייגט, אַז דאָס האָט ניט געקאָנט זיין אַזוי, ווייל יעדער "על חטא", וואָס אי. דרוקער לייגט אַריין אין מענדעלעס מויל, האָט ניט קיין שום שיכות צו מענדעלען. "על חטא ברצון"? מענדעלע האָט ניט געזינדיקט און ניט געקאָנט זינדיקן ברצון "מיט אייגענעם ווילן. "על חטא" – מיט אַראָפּנעמען דעם הימל צו דער ערד? – ניט ריכטיק, און פאַרקערט. מענדעלע האָט זיין גאַנץ לעבן זיך באַמיט אויפהייבן די ערד צום הימל, מאַכן אונדזער זינדיקע ערד שענער, ריינער און בעסער. "על חטא – אויף אָפּלייגן ודוי אויף שפּעטער? אויך ניט אמת! מענדעלע האָט ניט געהאַט אויף זיך חטאים, אין וועלכע ער האָט באַדאַרפט זיך מתודה זיין אַ סך פריער פון זיין טויט!

די אַלע חטאים האָט געטראָגן אין זיך זיין גאַנץ באַוווסטזיניק לעבן אירמע דרוקער – דער אומגליקלעכער חוזר בתשובה. פון חרטה־געפילן האָט ער אָנגעהויבן און מיט זיי האָט ער פאַרענדיקט ניט אַזוי דעם זיידנס, ווי זיין אייגענע ביאָגראַפיע.

*

צום סוף – אייניקע פרטים פון דעם ווי אַזוי עס איז אַוועק פון אונדזער זינדיקער וועלט אירמע דרוקער בכבודו ובעצמו.

פון זיינע נאָענטע און פון זיין פרויס בריוו האָבן מיר זיך דערוווּסט:

אָנהייב חודש יולי 1992 האָט זיך זייער פאַרערגערט דרוקערס געזונט־צושטאַנד, אַלץ שוואַכער איז געוואָרן זיין האַרץ. דעם 15־טן יולי האָט זיך זיין געזונט־צושטאַנד קאָמפּליצירט מיט אַ לונגען־אָנצינדונג און ער איז אַוועק אין שפּיטאָל. אַלע

**העראָלד בלאַק** /בעטעסדאַ

## איינגעפעדעמטע נאָדלען

די שול אויפן בערגל
איז שוין לאַנג פאַרברענט.
די מצבות אויפן בית עולם
האָבן זיי צעמאָלן, גענוצט
די שטיינדלעך צו בויען אַ וועג.
נישטאָ מער דאָ קיין יידן
אין דיין פוילישן שטעטל.

אַז איך זיץ דאָ, פאַרוועלקט
און קליין, טראַכט איך פון
די שעהן מיר זענען דאָ געזעסן
און געזאָגט תפילות אין
צייטוויייליקע בתי־מדרשים,

געטרונקען היימיש־געמאַכטן
וויין אין יום־טובים.

אין דעם צימערל דאָ, האָב
איך געהערט דיך דערציילן,
וועגן פאַלשע פאַפירן,
דיין אַנטלויפן פו ליטע,
אַ שיף קיין מעקסיקע.
אין דעם צימערל, הערט
זיך נאָך דער שטילער גערויש
פון אַ ניי־מאַשין. איך זע
דיך איינפעדעמען נאָדלען...

## דער לעצטער וועכטער

אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן,
אין מלבושים, צעקנייטשטע
ווי די הויט אויף זיין שטערן,
אַ פּנים ווי אַ שרעק־קראַ,

אויגן וואָס דערציילן פון צרות,
גייט ער אַרום אויפן בית הקברות,
צווישן צעבראָכענע מצבות,
ווייסט גענוי ווער עס ליגט דאָ:

הילפּס־מיטלען האָבן ניט געווירקט. ער פלעגט אויפהערן ענטפערן אויף ווענדונגען צו אים, ער איז מער געשלאָפן ווי געוואַכט. פון שלאָף פלעגט ער פלוצעם אויסזינגען וויינענדיק זיינע באַליבטע חזנות־תפלות – "אלי למה עזבתני" אָדער "אדם יסודו מעפר". ער פלעגט זיך אויפכאַפּן און בעטן עס זאָלן אַריינקומען צו אים זיינע פריינד, וועלכע זיינע שוין לאַנג נפטר געוואָרן. מער פון אַלע פלעגט ער רופן זיין בן־עיר און פעך־חבר נ.ל. ער פלעגט אויסציען זיינע הענט און טאַפּן מיט זיי אין דער לופט: "נ־קע ראָס ביסטו? נ־קע טייערער, האָב רחמנות". אָדער מיט ברוגז און פאַרוואורף פלעגט ער שרייען:

– פאַרוואָס איז אַזוי פינצטער? צינדט אָן ליכט, ליכט צינדט אָן. פינצטער איז מיר, פינצטער צו מיינע יאָרן.

– רופט נ־קען! גזלנים! פאַרוואָס רופט איר אים ניט?

– ווען נ. איז געקומען האָט שוין אירמע דרוקער ניט גערעדט. ער האָט נאָר שטילערהייט עפּעס געשעפּטשעט, באַוועגט מיט די ליפּן. עס האָט זיך פאַרשפּיצט די נאָז און בלאַס געוואָרן איז זיין פּנים. אַ קלעפּיקער שווייס האָט זיך באַוויזן אויף זיין שטערן. פלוצעם האָט ער אויפגעעפנט די אויגן, אַ פּרווו געטאָן אויפהייבן דעם קאָפּ, און איז באַלד אַוועקגעפאַלן און האָט אויסגעהויכט די נשמה.

אַזוי האָט פאַרענדיקט דאָס לעבן דעם זיידן מענדעלס ביאָגראַף, דער חוזר בתשובה אירמע דרוקער.

הירשע־דוד מעינקעס / ראָוון, ד'ווייליז

# דאָס רינגל
## (דערציילונג)

ביי דער אַרבעט האָט מען באַזיל קאַרטראַיטן געריפן "דער ראָבאָט". ער איז געווען מיטלוווקסיק, מיטליעריק, מיטלשטאַנדיק. אַ פּנים אָן מינעס, הענט אָן העוויות, אויגן אָן סודות. דער גאַנג איז געווען ווי ביי אַ מאַריאָנעט, דער קול – פון דעם וואָס לייענט די נייעס אויף דער ראַדיאָ. זיין שפּאָרזאַמקייט מיט ווערטער איז אָבער געווען פון אייביקן ביוראָ־מענטש, וואָס איז אויף דער וועלט געקומען אויף צו רינען אַן אָפּיס. ער איז געגאַנגען מיט גרויע אָנצוגן און אַלטמאָדישע שוואַרצע שיך מיט אַ סך לעכעלעך אויף ווענטילאַציע. ער האָט געטראָגן אַזעלכע ברילן וואָס זיינען געווען ניט רונד און ניט קוואַדראַטיש נאָר ווי־ניט־איז אינצווישן, עפּעס ווי זיין פּנים: ניט צום באַשרייבן.

באַזיל קאַרטראַיט איז געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער איבערן אינווענטאַר. ער האָט דאָס אויפן קאָמפּיוטער פאַרעקאָרדירט אַלצדינג וואָס איז אַריין און אַרויס פון דער ריזיקער פּאַפּיר־קראָם אויף טאָטנהאַם קאָרט ראָוד, אַ ברייטע ניט זייער שיינע אַלייע אין צענטער לאָנדאָן. ביי די וואָס האָבן דאָרטן געאַרבעט האָט זי געהייסן "טאָטערס". "דער ראָבאָט פון טאָטערס", אַזוי האָט מען באַזיל קאַרטראַיטן געריפן.

אַמאָליקע יאָרן האָט ער אַלצדינג פאַרשריבן אין אַ גרויסן חשבון־בוך מיט אַ סך קאָלאָנעס. אַצינד האָט ער זיך ווי ענדלעך אויסגעזוכט אַ פריינד, דעם פּנים־מעסיקן עקראַן, מיט אַ האַרץ־ברעטל מיט שליסלעך אויף צו קלאַפּן, אַ פינגער־מייזל – אַ האַנט צו האַלטן. אַ נאָענטשאַפט פון אַ גולם מיט אַ גולם.

פונעם סאַמעראָרנעם פאַרוואַלטער, אַזש ביז דעם וואָס האָט דעם דיל געריינִיקט, זיינען די אָנעשטעלטע אין דער קראָם געווען אַ באַנדע פּאַליאַקעס. אַ סך ענערגיע האָבן זיי פון דעסטוועגן געווידמעט אויף פּאָרטלען ווי אַזוי צו אַרבעטן וואָס ווינציקער און שפּילן אין פלירט און חנדלעך וואָס מער. דערמיט האָט מען זיך אויך ניט געשעמט. ס'איז געגאַנגען אין פּאַפּיר, קאָנווערטן, פּענעס, קאַרטלעך, אַדרעס־ביכלעך, ניט לעבן

העגעך דער שניידער,
איטשע טשומאַקס זון,
טעמע רייזל, יוספּס מאַמע,
די פּרובטן־פּאַרקויפּערין,
דער בעקער פון שטוטשין,
ר'מאיר, זיינע קינדערס
חומש־מלמד. אַלץ ווייסט ער,
אַלץ געדענקט ער, זכרונות שוועבן
דאָ ווי שאָטנס אין דער נאַכט.
פריילעכע חתונות, טרויעריקע לוויות.

דער וועבטער זעט אַ קו פּיטערט זיך
ביי זיין חיה־רייזלס קבר,
ער ביילט די פּויסטן, שרייט,
עס העלפּט ניִשט, די קו
מאַלעגיירעט
איר גראָז און קוקט אויף אים
ווי אויף אַ פאַרבלאָנדזשעטע
נשמה.
זיינע ביינער ציטערן פון קעלט.
באַלד וועט דער ווינט אָוועקבלאָזן
די ווילדע גרוינבלעטלעך און
די זון וועט פאַרגיין איבערן
שול־הויף.
דער אַלטער וועבטער הייבט זיינע
הענט צום הימל: "זע נאָר, גאָט,
נישט געבליבן קיינער דאָ
וואָס זאָל פאַרנעמען מיין פּלאַץ"...

און טויט זאַכן. קונים מעגן וואַרטן.

די קראָם האָט געהערט אַ גרויסער פירמע ערגעץ ווייט. זיי האָט אויך ניט געאַרט אַבי די יערלעכע רווחים האָבן צופרידנגעשטעלט. שרייב־מכשירים מיט פּאַפּיר־סחורה, אַבי מען האָט אויף די שאַפעס מער, בעסערע און ביליקער ווי אַנדערשוו, פאַרקויפט זיך עס אַלץ "פון זיך". האָט מען קיין גרויסע אַמביציעזע טאַלאַנטן אַפילו ניט געזוכט. מ'האָט גענומען מענטשן וואָס זעען אויס יונג און שיין, גייען ציכטיק אָנגעטאָן און מאַכן דעם איינדרוק אַז זיי זיינען באַפרידיקט פונעם לעבן. געשעפטס־פּסיכאָלאָגן האָבן באַוויזן מיט סטאַטיסטישע שטודיעס, אַז ביי אַזוינע קויפט מען, ניט ביי קאָמפּולסיווע אַרבעטער, גענייעס און פאַרטיפטע דענקער וואָס זיינען אַלע שטאַרק נעוראָטיש. נאָר איין אינוועטאַר־האַלטער און חשבון־פירער דאַרף זיין אַ בעל־מלאכה.

"דער ראָבאָט פון טאַטערס" איז אויף קיין הוליאַנקעס ניט געגאַנגען, צו קיין אַלקאָהאָל זיך ניט צוגערירט. מ'האָט אים קיין מאָל ניט געזען ווי ער לאַכט. ער איז געווען פון יענע איינגעבאָרענע אַלטע בחורים וואָס די אַרבעט איז ביי זיי דאָס גאַנצע לעבן. חשק צו אויף צו פלאַפּלען מיט מענטשן וועגן ניט־סעריאָזנע זאַכן איז ביי זיי ניט פאַראַן.

אַלע יאָר אין אויגוסט פלעגט באַזיל קאַרטראַיט אַוועקגיין אויף צוויי וואָכן וואַקאַציע. וווהין ער איז געפאָרן, צי איז ער בכלל אַרויסגעפאָרן פון לאָנדאָן, דאָס האָט קיינער ניט געוווסט. יענעם יאָר, אַז ער איז אַריין אין קראָם נאָך דער וואַקאַציע, איז געווען ביי אים אויף אַ פינגער אַ קיילעכדיק רינגל. אַלע האָבן דערויף געגלאָצט. צווישן זיך האָט מען חדשים לאַנג גערעדט נאָר פון איין זאַך. צי האָט דער ראָבאָט ניט חתונה געהאַט? דאָס מינעלאָזע פנים, די העוויהלאָזע הענט, די סודותלאָזע אויגן זיינען געווען די אייגענע וואָס תמיד, ניט פון קיין מיטליעריקן אַלטן בחור וואָס האָט ערשט חתונה געהאַט.

באַזיל קאַרטראַיט איז געווען פון יענע ענגלענדער וואָס גלאַנצן מיט אַ גלאַנץ וואָס קומט אָנזאָגן, אַז מיט אַטאָ דעם מענטשן רעדט מען ניט קיין פּערזענלעכע ענינים.

אַז ס'האָט אין דעצעמבער געהאַלטן אין סעזאָן פון הוליאַנקעס און שפּאַסערייען, האָבן די אָנגעשטעלטע אין דער פּאַפּיר־קראָם באַשלאָסן אַז מ'דאַרף דערגיין די זאַך. די הויפּט־פּערזענלעכקייט צווישן זיי איז געווען עני, אַ שיין מיידל מיט אַ ברייטן שמייכל, ברוינע האָר און חנעוודיקע זומער־שפּרענקעלעך. זי האָט עס אַלעמען פאַרוויילט אַ גאַנצן טאָג מיט אירע חכמות. מיט די מענער דאַרטן האָט זי מיט יעדן, אַחוץ מיט באַזיל קאַרטראַיטן, געשפּילט אַ ליבע. "מיט זיי אַרויסגעגאַנגען" האָט עס ביי זיי דאַרטן געהייסן. אָפּגעהאַקט מיט דעם און צוריק צו יענעם. קיין בייזע געפילן זיינען אָבער ביי קיינעם ניט געווען. ס'האָט ניט געפעלט מיט וועמען "אַרויסצוגיין".

– איך וועל שוין אויסגעפינען! – האָט עני די חברה אָנגעזאָגט, מיטן טאָן פון אַ פּרינצעסין פון אַ פּאַפּיר־וועלט אינמיטן לאָנדאָן. זי איז דרייסט אַוועק צו באַזיל קאַרטראַיטן.

– באַזיל! אַזאַ שיין רינגל! כ'האָב עס פריער ניט געהאַט באַמערקט. אַנטשולדיקט! ס'איז נייַ? איר האָט ---

– אַ דאַנק אייך, עני. – האָט ער איר מיט זיין ראַדיאָפּאָנישער שטימע איבערגעריסן און בשעת מעשה מיט אַ ווינקל אויג אַ קוק געכאַפּט אויפן רינגל. דער קוק האָט סיי

באַשטעטיקט אַז דאָס רינגל איז פֿאַראַן, און סיי געגעבן צו וויסן, אַז מער וועגן דער טעמע וועט מען ניט ריידן. און ווי אין זעלבן זאַץ האָט ער פֿאַרגעזעצט: – צי האָב איך ניט קיין טעות אַז פֿון אייער צאָלבאַנק האָט מען די וואָך צוגעגנבעט צוויי טינט־שטעקלעך צו דער פֿען נ. 44? זייט אַזוי גוט און באַשטעטיקט, הײַנט דאַרף איך די־אָ אינוועטאַר־ליסטע אויסענדיקן.

אַז עני האָט זיך דערוועגט צו פֿרעגן, און זי האָט ער אויך אָפּגעשטויסן, איז פֿון יעדנס נײַגעריקייט געוואָרן אַלעמענס אַן אָבסעסיע געוואָר ווערן וועגן רינגל. און אויב חתונה געהאַט, ווער קען דאָס זײַן וואָס וואָלט גיין חתונה האָבן מיט אַזאַ איינעם. אַ יונגע צי אַן אַלטע איז זי, אַ שיינע צי אַ מיאוסע, אַן ענגלענדערין צי פֿון אויסלאַנד.

אָבסעסיעס פֿירן צו מעשׂים. די זעלבע עני האָט געהאַט אַ ברודער אַ פּאָליציאַנט. ניט קוקנדיק וואָס זי האָט געאַרבעט סך־הכּל אין אַ גרויסער־פּאַפּיר קראָם, קיין מיניסטער איז זי ניט געווען, האָט זי פֿאַרט געקוקט פֿון אויבן אַראָפּ אויפֿן ברודער, דזשיימס האָט ער געהייסן. כאָטש פֿון איין שטוב, האָט זי גערעדט מיט אַן עלעגאַנטער הויכשטאַנדיקער אויסשפּראַך און ער מיט אַ פּראָסטלעכן.

די מעשׂה מיטן ראַבאַט און זײַן רינגל האָט זי דעם ברודער דערלאַנגט ווי אַ גוטמוטיקן פֿאַרמעסט. דער דזשיימס איז געבליבן אַנטוישט.

– אַ פֿײַנע מעשׂה! דעם ענטפֿער ברענג איך דיר שוין מאָרגן. אַן אַנדערש מאָל זאָלסטו מיר מיט די באָיס ניט באַליידיקן, הערסט? אַ ריכטיקן פֿאַרמעסט זאָלסטו אונדז ברענגען, ניט קיין קינדערשע נאַרישקייטן. צי עס האָט חתונה געהאַט עפּעס אַ מאַן דאָרטן אין פּאַפּיר־קראָם! קיין מער אינטערעסאַנטע זאַכן אויסצוגעפֿינען זײַנען בײַ איך אין פּאַפּיר־קראָם ניטאָ!?

דזשיימס האָט באַלד קאָנטראָלירט אין קאָמפּיוטער די רשימות פֿון אַלע חתונות. באַזיל קאַרטראַיט האָט ניט חתונה געהאַט. באַזיל קאַרטראַיט האָט ניט אַרײַנגעפֿירט קיין ווײַב פֿון אויסלאַנד. פֿאַרנאַכט האָט זיך איינער פֿון דזשיימסעס קאָלעגן באַוויזן אויף דער גאַס ווו עס איז געווען די דירה פֿון באַזיל קאַרטראַיט און דיסקרעט גענומען פֿרעגן בײַ שכנים. דעם באַזיל קאַרטראַיטן האָט מען קיין מאָל ניט געזען אַרײַן אָדער אַרויס מיט עמעצן, ניט מיט קיין מאַן און ניט מיט קיין פֿרוי.

בײַנאַכט האָט דזשיימס טעלעפֿאָנירט צו דער שוועסטער און איבערגעגעבן אַז ס'איז אויס מיסטעריע. דער באַזיל קאַרטראַיט האָט קיין מאָל ניט חתונה געהאַט. ער וווינט אַליין אין דער זעלביקער דירה וואָס תּמיד און קיינער גייט ניט צו אים אַרײַן, ניט קיין מאַן און ניט קיין פֿרוי.

– טאָ פֿאַרוואָס איז בײַ אים פֿלוצלונג דאָ אַ רינגל?

– פֿון וואַנען זאָל איך וויסן? ווײַל ס'געפֿעלט אים מסתּמא! בײַ דיר זײַנען דאָ מאָדנע לײַט. אַ מענטש פֿאַרגלוסט זיך קויפֿן אַ רינגל. און איר אַלע בויט זיך אויף אין דער פֿאַנטאַזיע, אַז ער האָט דווקא חתונה געהאַט. זאָלסט אונדז קומעדיקן מאָל אַ מיסטעריע ברענגען און ניט קיין נאַרישקייט! הערסט?!

– קיין מענער מיט רינגלעך סתּם אַזוי זעט מען אָבער ניט!

– איז זעט מען ניט! איז ער אַ משוגענער! איך ווייס? די סאַמע ווילדסטע זאַך וואָס איך האָב אין מײַן לעבן געהערט! איר אַלע דאָרטן אַרבעט מיט אים אַלע יאָרן און מ'שעמט זיך אַ פֿרעג טאָן צי איז דאָס אַ מתּנה. דאַרפֿסט ניט דערמאָנען קיין חתונות. פֿרעג אים!

– ס'לאָזט זיך ניט. ס'מאַכט זיך ניט קיין געלעגנהייט. ער ענטפערט ניט.

– איך דאַרף אַוועק. זײַ געזונט, שוועסטערל!

אַ גאַנצע נאַכט האָט אָבער דער דזשיימס ניט געקענט אַרויסשלאָגן פון קאָפּ דער שוועסטערס פראַגע: אַ מאַן לעבט זיך איינער אַליין. אַ פּערפעקטער אָפיס־מענטש. פּלוצלונג גייט ער מיט אַ רינגל. שטימט ניט. אויף צו פאַרגלעטן זיין פאַרשעמטקייט, אַלמאַי ער גייט ווייטער נאָכשפּירן דאָס פּריוואַטע לעבן פון אַן אָרנטלעכן מענטשן, האָט ער זיך צוגעקלערט אַ תירוץ. ס'איז אַ גוטע איבונג, ס'קען אַמאָל אויסקומען מ'זאָל אַזאַ זאַך דאַרפן אויסגעפינען אין שייכות מיט אַן ערנסטן פאַרברעכן, אַ געגנבעט רינגל, ווער קען וויסן.

אויף מאָרגן איז דער דזשיימס אַליין אַוועק אינדערפרי צו באַזיל קאַרטראַטס דירה. ער איז געגאַנגען אין אוניפאָרם. ער האָט געקלאַפּט אין דער טיר. ס'איז געווען אַ שעה פאַר דעם ווי באַזיל קאַרטראַיט איז אַוועק צו דער אַרבעט, ער איז אָבער שוין געווען פּערפעקט ראַזירט און אָנגעטאָן אין ז י י ן אוניפאָרם, דעם גרויען אָנצוג מיט די שוואַרצע שיך מיט לעכעלעך. אַ רינגל איז אָבער ביי אים אויף קיין פינגער ניט געווען.

דער יונגער פּאָליציאַנט איז געווען צוגעוווינט צו זאָגן ליגן מיט דער זעלבער ראָבאָטישקייט מיט וועלכער באַזיל קאַרטראַיט איז געווען געוווינט צו ריידן אמתע זאַכן וועגן אינוועטאַר־ענינים.

– אַנטשולדיקט מיר. מר. קאַרטראַיט? עס טוט מיר לייד אייך צו באַלעסטיקן איבער אַ קלייניקייט. אַ פרוי דאָ אין געגנט, מסתמא איז זי אַ משוגענע, האַלט אין איין קלינגען צו דער פּאָליציי. זי זאָגט אַז איר האָט געפונען אַ גאָלדן רינגל וואָס זי האָט פאַרלאָרן. איך בין זיכער, אַז דאָס איז אַ פּוסטער ליגן. נאָר איך מוז אייך קומען פרעגן. זאָגט מיר נאָר ווען און ווו האָט איר באַקומען דאָס רינגל, און אויב אַ מתנה איז פון וועמען, און מיר וועלן פּטור ווערן פון דער פרוי וואָס לאָזט אונדז ניט צורו.

– ס'איז האָנקי־דאָרי, מיין אָפיציר, – האָט באַזיל קאַרטראַיט אַ ברייטן שמייכל געטאָן. – ערשטנס איז עס ניט קיין גאָלד, ס'איז אַ ביליקע זאַך. אויב דאָ ניט ווייט איז דאָ אַ פרוי וואָס וויל עס האָבן, גיב איך עס איר שוין אַוועק. צווייטנס האָב איך עס ניט געפונען נאָר געקויפט פאַראַיאָרן זומער ווען איך בין געווען אויף וואַקאַציע. איר'ט לאַכן: איך האָב עס געקויפט אויף אַ שפּאַס, כדי די קאָלעגן אין דער קראָם ווו איך אַרבעט זאָלן האָבן וועגן וואָס צו פּלוידערן. זיי זיינען אומגליבלעך נודנע מענטשן. זיי גייען אַרום אַלע ווי ראָבאָטן. ריידן ווי ראָבאָטן. האָב איך זיך געמאַכט אַ שטיקל שפּאַס מיט אַ רינגל, אַ שטיקל פאַרוויילונג ביי דער אַרבעט. אָט זעט איר, אין דער היים טראָג איך עס ניט. טאָמער ווילט איר עס אַ קוק טאָן, קען איך עס אייך גלייך ברענגען. וואַרט צו ---

– ניין, ניין, ס'איז ניט נויטיק. אַ דאַנק אייך, סער, און אַנטשולדיקט מיר וואָס איך האָב אייך געשטערט אַזוי פרי.

– אַ גוטן טאָג, סער.

---

אַבאָנירט און שטיצט

# חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע

ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן / ניו־יאָרק

## דער חלום האָט מיך פֿאַרטראָגן

דער חלום האָט מיך פֿאַרטראָגן
אין אַ באַנוואַגאָן.
אַ סך באַקאַנטע סימנים,
היימישע גוטע שמועסן
און חקירות אַ שלל.
געאַמפּערט זיך וועגן מאָלעריי,
וועגן מאַרק שאַגאַל:
"ער איז נישט קיין מאָלער"
האָט איינע זיך געהיצט,
"איך קען אים פֿון דער היים
ער שרייבט מיר נאָך איצט".
איך האָב געמוזט בייטן דעם צוג,
בין איך אַרויס.
אויף דער סטאַנציע בין איך
געשטאַנען,
נישט געקענט זיך דערמאָנען
וווּהין איך פֿאָר און ווו איך בין.
אַ פֿרעמד אָרט,
גאָטישע הייזער־סילועטן
טורעמען מאַיעסטעטיש
אין שקיעהדיקע ווייטן.
ס'אַ סכנה זיך צו רירן פֿון פֿלעק,
אַז כ'האָב פֿאַרלוירן די מאַפּע
און דאָס צעטעלע מיטן אַדרעס
און כ'געדענק נישט דעם וועג אויף
קריק.

## כ'געדענק דעם פּאָרטרעט

כ'געדענק דעם פּאָרטרעט אין אַקוואַרעל.
ווי אַן אויסרוף צי אַן אויסגעשריי
פֿון אַ וווּנד אַרויס,
אַ ראַנע ווײ
וואָס
וויברירט דורך אויגנצאַמען.
אַן אַרויסלויף דורך אַפּלען
צום אויפֿנעם־גרייטן דערשפּירער;
צו נאָענטשאַפֿט וואָס ווו פֿאַראַנען
און רופֿט זיך אָפּ מיט מיטפֿאַרשטיין.
ס'האָט אַרויסגעשפּאַרט פֿון ריים.
געהויבן זיך פֿון דער פֿלאַך,
ווי אַ לעבעדיק געוואָרענע זאַך,
אָנגעטון זיך אין מאַרך און ביין.
כ'געדענק דעם פּאָרטרעט
פֿון זיך אַליין,
אין ווייטן מקום,
פֿון דעמלטיקע טעג.
אויפֿגעקומען אין מיטן וואַנדער
און געבליבן ליגן אין וועג.

## דער יונגער פּאָעט

כ'נעם דאָס ביכעלע אין האַנט
לערנען פֿון אַ יינגערן - כדאַי.
נאָר כ'פֿרעג: אַלמאַי
און פֿון וואַנען
האָט ער די היפּערדיקע רעיונות גענומען?
ווי אַזוי און ווי אַרומער
די קיצורדיקע סכומען,
פֿאַרטייעטע שורות,
דעם זיבערן טראָט,
אַז דאָס לשון אַזאַ פֿריאיקס,
אַזאַ קוים־קוים געבוירנס
און שוין סאָלידע טורעמס
אין עטערישע געוועבן הויערן.
וועלדער - שוואַרצע ביימער־קאָנטורן
דורך פֿאַרזשמורעטע וויעס
דאָס סודותדיקע שטילקייט פֿאַרצירן.
פֿון וואַנען און וווּהין,
דניאל מאַרלין?

**שמואל איזבאַן** / ניו־יאָרק

# צווישן שאַפּ־ווענט

## (דערציילונג)

ערנסט פּעלץ האָט אַ שטויס געטאָן די שווערע טיר פון דער בעקעריי. מיט אַ יוניאָן־קאַרטל אין האַנט, מיט געצייכלטע איינגעחזרטע ענגלישע ווערטער אויף דער צונג, איז ער שטיין געבליבן אויף דער שוועל. ס׳איז אים אַקעגן געקומען אַ הויכער, רויט־האָריקער יונגערמאַן, אָן אַ ראָק, מיט אַ בלייפּעדער הינטערן אויער. פּעלץ האָט אויף שטום לשון אים דערלאַנגט דאָס קאַרטל. דער יונגערמאַן האָט איינצייטיק געוואָרפן דאָס רעכטע אויג אויף דער יוניאָן־קאַרטע, דאָס לינקע אויפן אַריינגעקומענעם און ער האָט אַ ווייז געטאָן מיט אַ פינגער צום אָפיס:

– דאָרט זיצט דער באָס.

פּעלץ האָט זיך געלאָזט צו דער אָפיס־טיר.

ביי אַ שרייב־טיש איז געזעסן אַ שמאָלער, מיטליאָריקער מאַן, אָנגעבויגן איבער אַ שטויס מיט רעכענונגען און קאָנטאָ־ביכער. דאָס טעלעפאָן־טרייבל איז אים געהאָנגען איבערן רעכטן אויער. דער מאַן האָט ניט געוואָרט ביז פּעלץ וועט צו אים צוקומען. ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל, דערנאָך האַפּטיק זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט און באַגעגנט פּעלצן אויף דער שוועל.

– אַ יוניאָן־מאַן?

– כ׳האָב געבראַכט אַ "קרעדענשל" – האָט פּעלץ גענומען שטאַמלען אויף ענגליש, ווייזנדיק די יוניאָן־קאַרטע.

– דאָס איז גענוג – איז דער באָס איבערגעגאַנגען אויף יידיש – וואָס איך דאַרף אין מיין שאַפּ – איז אַ קאָנדיטאָר, אַ גוטן קאָנדיטאָר צו דעקאָרירן טאָרטן... קעיק־בעקערס, קנעטערס, טיש־מענטשן האָב איך גענוג, איבערגענוג... פון וואַנען ביסטו, אַ לאַנדסמאַן?

– ׳כקום פון דייטשלאַנד.

– כ׳וויס, כ׳וויס – האָט דער באָס מיט אַ האַנט־פּאַך צונישט געמאַכט פּעלצעס ענטפער – כ׳האָב אָנגעקלונגען אין דער יוניאָן, האָט דער דעלעגאַט געענטפערט, ער שיקט אַ פּליטלינג. נישט דאָס פרעג איך. פון וואַנען קומסטו, כ׳מיין דיין אָפּשטאַם? ווו ביסטו געבוירן?

– מיינע עלטערן האָבן צוערשט געוווינט אין פּוילן – האָט פּעלץ גענומען דערציילן, ניט וויסנדיק צוליב וואָס דער באָס דאַרף דאָס אַלץ דערגיין – ביז צען יאָר האָב איך אויך דאָרט געלעבט. אַ געבוירענער בין איך אַ לעמבערגער.

– אַלע גאַליציאַנער זאָגן, אַז זיי זיינען געבוירן אין לעמבערג, און אַז דו וואָלסט געבוירן געוואָרן אין אַ קלענערער שטאָט, אין פּשעמישל צי אין טאַרנאָפּאָל, מיינסט דו, וואָלט מען דיך אין אַמעריקע ניט אַריינגעלאָזט? פאַרלאָז דיך אויף אָנקל סעם. ער נעמט אַלע צו! כ׳שטאַם אויך פון אַ קליין אָרט. דו שעם זיך נישט. רוף אָן ביים נאָמען דאָס שטעטל צי דאָרף ווו דיין מאַמע האָט דיך געהאַט... אָל־ראַיט! לאָז עס אויף שפּעטער. דער עיקר כ׳וויס, אַז דו ביסט אַ "געשטראָפּטער", כ׳מיין אַ גאַליציאַנער. און איצט וואָס קענסטו? כ׳מיין צו זאָגן, אין דער אַרבעט ווי שטייסטו?

– כ'בין אַ קאָנדיטאָר פון דער היים. כ'האָב אַכט יאָר געאַרבעט ביים פאַך.
– אַ קנאַפּע סמיכה פאַר אַמעריקע – האָט דער באָס געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט.
–כ'וויל וויסן צי דו קענסט גרילאַש־אַרבעט, פלעכטן קוישלעך פון מאַרצעפּאַן, אָרנאַמענטן פון צוקער. און וואָס איז מיט בלומען, מיט רויזן? ווי אַזוי שפּריצסטו אויס פון פּוטער־קרעם אַ רויז?
– אַ רויז? – האָט פּעלץ אַ הויב געטאָן אַן אַקסל – מען נעמט אַן איינגעלייגטע פּרוכט, דערנאָך פּילט מען אָן אַ לייוונטענעם זעקל מיט פּוטער־קרעם, מען זעצט אַריין אַ "טעפּ" און מען פאַנגט אָן איינס ביי איינס אויסצושפּריצן בלומען־בלעטער אַרום דער פּרוכט...
– טויג ניט! אין אַמעריקע איז נישטאָ קיין צייט פאַר דעם. ביי מיר אין שאָפּ שפּריצט מען רויזן אויף אַ טשוואָק. יאָ, יאָ, אויפן קעפּל פון אַ טשוואָק... איין דריי מיטן זעקל, אַ צוויי קרייזן מיטן טשוואָק און די רויז איז פאַרטיק. לאָך ניט! אַזוי ווי דו קוקסט מיך אָן! דאָס האָרי־אַפּ סיסטעם איז אַ געזונטע זאַך. ניט קיין נאַר האָט עס אויסגעטראַכט... וואָס אַמעריקע דאַרף – איז פּראָדוקציע! וואָס מער פּראָדוקציע! און אין די שעפּער דאַרף מען זיך טאַקע אונטערשאָקלען... נאָר אַ געזונטער שאָקל און דו דערגרייכסט אַלץ! ווי אַזוי, מיינסטו, איז אויסגעוואַקסן גאַנץ מאַנהעטן? אָט די אַלע הונדערט־שטאָקיקע געביידעס? אַ פאַר ממון־זעק האָבן זיך אַ שאָקל געטאָן און ס'האָבן זיך אויפגעהויבן די וואָלקן־קראַצערס. אַ מאַגנאַט האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און ס'איז אַריבערגעוואָרפן געוואָרן די ברוקלין־ברידזש, די וואַשינגטאָן־ברידזש. שווער צו צעקייען, האַ? אַלע גרינע טראַכטן אַזוי... וועסט זיך צוגעוווינען, וועסט זיך צוגעוווינען. איצט טו אַ שפּרייז ווייטער, וועסט אָנקוקן דעם שאָפּ.
מיט עטלעכע שפּאַן פאָרויס זיינען ביידע, פּעלץ פון פאָרנט, דער באָס הינטער אים, געוועזן אינעווייניק, אין שאָפּ.
פיר אויסגערונדיקטע אויוונס, ווי ריזיקע היץ־קעסלען, זיינען געשטאַנען אַרום די פיר ווענט פון שאָפּ. ברייטע, בלעכענע קוימענס און רערן האָבן זיך געצויגן אַרויף, דורך די באַלקנס, צום דרויסן. פאַר די אונטערשטע רוסטן, פון וואַנען ס'האָבן אַרויסגעפלאַקערט צונגען פייער, האָבן זיך געבויגן צוויי נעגערס און געשאָטן דורך די אָפענע אייזערנע טירלעך לאָפּעטעס מיט צעמאָלענע קוילן.
אין מיטן האָבן זיך געצויגן לאַנגע, ווייסע טישן. איבער די טישן האָבן זיך געשאָקלט אַרבעטער אין ווייסע פאַרטוכער, אויף די קעפּ ווייסע היטלעך, ווי שלאָף־קעפּקעס. טייל האָבן אויסגעפּאַטשט אַ באַרג מיט אויפגעעיורן הייוון־טייג. טייל האָבן באַלד אונטערגעכאַפּט און געגומען שניידן שטיקער דערפון, וואַרפן אויף דער וואָג. צענדליקער פאַר פינגער זיינען אונטערגעלאָפן, האָבן אַראָפּגעכאַפּט די שטיקער טייג פון דער וואָג, האָבן זיי צעפּערטלט, צעאַכטלט. איינער האָט אויף די טייגלעך אַ שפּריי געטאָן מיט מעט־שטויב. האַנט־פלאַכן האָבן די פערטעלעך און אַכטלעך צעקנעטן און אויסגעוויקלט ראָזשינקע־רינגען, געפלאָכטענע צימערינג־שטריצלען.
אין רעכטן פליגל, אָנגעשטעלט אויף רימענס און דינאַמאָס, זיינען געלאָפן קנעט־מאַשינען, טיש־קעסלען, הויב־שטאַנגען. די קנעט־מאַשינען האָבן אויטאָמאַטיש אַרויסגעוואָרפן שטיקער טייג אין פירעקיקע הילצערנע בייטן. די מיש־קעסלען האָבן

אַרײַנגעװאָקסן אין בלעכענע פֿאַנען און פֿאָרמען שיטערע אײער־מאַסע. אַלץ איז געװען אײַנגערעדלט, אַלץ איז געװען אײַנגעשפּאַנט און דאָס הוזשערײַ פֿון די מאָטאָרן האָט געררישט מיטן ריטעם פֿון לאָקאָמאָטיװ־רעדער.

קעגנאיבער די מאַשינען אַרום לאַנגע מאַרמאָרנע טישן, האָבן זיך געדרייט קאָנדיטאָרס אין װײַסן, די בלישטשענדיקע מעסערס אַרײַנגעשטעקט אין די פֿאַרטוכער, װי װאָפֿן. איבער די טישן זײַנען געװען אױסגעלײגט רײַעסװײַז טאָרטן, באַגאָסן מיט שאָקאָלאַד, באַגאָסן מיט פּוטער־קרעם. טײל קאָנדיטאָרס האָבן צעשניטן די טאָרטן און געפֿילט זײ מיט מאַנדלען, מיט פֿרוכטן. טײל, װאָס זײַנען געשטאַנען גרײט מיט אָנגעפֿילטע זעקלעך קרעם אין די הענט, האָבן גלײַך גענומען די טאָרטן באַשפּריצן און דעקאָרירן.

פֿעלץ האָט מיטן בליק אַרומגענומען די מאַשינען, די טישן, די אַרבעטער און ס'איז אים װאַרעם געװאָרן. ער איז גרײט געװען צו פֿאַרקאַשערן די אַרבל און גלײַך זיך שטעלן צו דער אַרבעט. ער האָט בלויז געטראַכט, אויף װעלכער זײַט ער װעט פֿאַרנעמען אַ פּלאַץ. דער באַס האָט אים אָנגענומען פֿאַר אַ האַנט. אין זײַנע שמײכלענדיקע אויגן האָט מען געקענט זען, אַז ער נעמט זיך איבער. די נאָז האָט זיך אײַנגעצויגן, פֿאַרקנײטשט די באַקן, און די צונג איז ניט אײַנגעשטאַנען, קנוילנדיק זיך צווישן ציין און רייד:

– אַזוי זעט אויס דער שאַפּ. און פֿאַרגעס ניט. דאָס איז אַן אַנגראָ־פּלאַץ. מען דאַרף אַרויסוואַרפֿן וואָס מער סחורה, אַנדערש וואָלט איך ניט געקענט עקזיסטירן. דערמאָן זיך נאָר בלויז די אויסגאָבן? ס'אַרבעטן צוויי שיכטן. די מאַשינען לויפֿן בײַטאָג און בײַנאַכט. פֿאַרהאַלטן זיך קיין מאָל נישט. קענסט אָפּשטעלן די סאָבוועי? אַזוי קענסטו אָפּשטעלן דאָ די אַרבעט. און וויפֿל לייט אַרבעטן דאָ? האָסט דאָ פֿון אַלע נאַציאָנאַליטעטן: נעגערס, איטאַליענער, פּאָליאַקן, שפּאַניער, דײַטשן און וועמען נישט? אַמעריקע – אַ מדינה! אַזאַ אָנלויף! וועסט זיך אויסגרינען! גלויב מיר, וועסט זיך אויסגרינען!

דער אומגעדולד בײַ פֿעלצן איז געוואַקסן. דער חשק צו אַרבעטן, צו זײַן איינער פֿון אָט די יונגען, וואָס באַוועגן זיך אַזוי פֿרײַ אין דעם שאַפּ, וואָס שטייען מיט אַזאַ זיכערקייט, ווער ביים טיש, ווער בײַ דער טיש־מאַשין – דער חשק האָט אים איצט צענומען, אונטערטרײַבנדיק צו פֿרעגן דעם באָס אַ פֿראַגע, ניט צעטומלט ווערן, ניט אויסהערן מער די קנוילן רייד, נאָר אַליין פֿרעגן. ער האָט אַ ווײַלע פֿאַרגעסן אָן זײַנע אייגענע אויף יענער זײַט ים, פֿאַרגעסן אָן פֿאָטער וואָס האָט ערשט פֿאַרלאָזן דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין דײַטשלאַנד, פֿאַרגעסן אָן דער קראַנקער מוטער. ער האָט זיך אַ קער געטאָן צום באָס און אַרויסגעבאַצט:

– קאָן איך אָנהויבן אַרבעטן?

– פֿרעגט ערשט? – האָט דער באָס זיך צעלאַכט – צו וואָס דען ביסטו דאָ אַרײַנגעקומען? שפּילן בינגאָ? מאַכן אַ פּינאַקל? זעסטו, אין אַמעריקע, אַז דו ווילסט זיך אויף עפּעס אַרויפֿכאַפּן, מוזטו האָבן אַ "פּוש", אַ שטויס. און ווי לאַנג מאָרגאַן צי ראָקעפֿעלער איז ניט רײַנס אַ קרוב, מוזטו דערוויַיל ווערן, דעם ערשטן טוץ יאָרן, אַ שאַפּ־מענטש... אַרבעטן, נאָר אַרבעטן! איצט גיי אין וואַש־צימער, וועסט קריגן ריינע כלים, אַ פֿאַרטוך, ווײַסע הויזן, אַ הוט און שטעל זיך צום טיש!

– איז עס שטענדיקע אַרבעט? – האָט פעלץ געזוכט ביים באָס אַ פאַרזיכערונג.
– רעדסט דאָך טאַקע ווי אַ גרינהאָרן! דו ווייז נאָר, אַז דו קענסט עפּעס, ברעך זיך איין די ערשטע פּאָר וואָכן, און אַז דו וועסט זיך אויסטויגן, קענסטו דאָ שטיין אַ גאַנץ לעבן! און קענסט זיך אויסאַרבעטן. קענסט ווערן אַ פאָרמאַן, ווייסט וואָס כ׳מיין?
מיט אַזוי פיל הבטחות אין די אויערן, מיט אַזאַ שטילער פרייד אין געמיט, איז פעלץ אַריינגעגאַנגען אין וואַש־צימער. ווען ער איז אַרויסגעקומען אַן איבערגעטוענער און זיך צוגערוקט צום קאָנטיטאָר־טיש, האָט דער באָס אַ רוף געטאָן הויך איבערן שאָפּ:
– טאָני, נעם איבער דעם מאַן. ער וועט אַרבעטן מיט דיר!
ס׳איז צוגעקומען אַ דיקער איטאַליענער, מסתמא פון אַ יאָר צוואַנציק. ער האָט אָבער אויסגעזען עלטער פון זיינע יאָרן, געווען אָנגעגאָסן אין די פּלייצעס, אין די אָרעמס, אין די פיס. דער גאַנצער גוף בלויז פעטס. קיין איין איינשניט אינעם גאַנצן געשטעל. בלויז דאָס פולע פנים, מיט די דינע קנויט־וואָנצעס, די רויטע ליפּן – אַזוי פריש, ווי ער וואָלט זיך ערשט געהאַט אָנטווינט פון דער מאַמעס מילך.
טאָני האָט שטומערהייט באַטראַכט פעלצן ווי אַ קאָנקורענט. ער האָט אַוועקגעלייגט פאַר אים אויפן טיש אַ טרוקענעם טאָרט, אַן אָנגעפילט זעקל מיט פּוטער־קרעם, אַ מעסער, שפּריץ־טוטקעס. מיט אַ האַנט־פּאַך האָט ער אַ פיר געטאָן איבערן אויסגעשטעלטן געצייג, הייסנדיק אויספּוצן דעם טאָרט. דאָס לינקע אויג האָט ממזריש אַ ווינק געטאָן. אַ פינגער האָט פאַרבלאָנדזשעט איבער אַ קנויט־וואָנצע און געמיינט אַזוי צו זאָגן:
– איצט ווייז, וואָס דו קענסט?
ווי פעלץ האָט גענומען דאָס זעקל אין האַנט אַריין און קונציק אָנגעהויבן אַרומקרייזן דעם טאָרט, אויסשפּריצנדיק שטערנדלעך, מאַקאַראָנדלעך, האָבן אַרבעטער פון די אַרומיקע טישן איינציקווייז זיך גענומען צורוקן און נייגעריקע געוואָלט זען, ווי אַזוי דער נייער מאַן טוט זיין דזשאָב, ווי ער האַלט אויס דעם עקזאַמען. אויגן האָבן זיך איינגעגעסן דאָ אין פעלצעס לויפנדיקער האַנט, דאָ אינעם טאָרט, און ווען דער טאָרט איז פאַרטיק געוואָרן פון אונטער פעלצעס האַנט, אַן אויסדעקאָרירטער, אַן אויסגעפּוצטער מיט קרוינדעלעך און שטערנדלעך, האָט פון צווישן די אַרבעטער זיך אַרויסגערוקט סעם, אַן עלטערער מאַן, אַ גרוי־קעפּיקער. ער האָט אַ ווײַלע אַריינגעקוקט פעלצן אין די אויגן אַריין, דערנאָך גוט־ברודעריש אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זיין אַקסל:
– זאָג מיר, האָסט שוין אַ מאָל געאַרבעט אין אַזאַ קנאַלבוידע?
– וואָס? – האָט פעלץ, אַליין אַ צענומענער פונעם שטיקל אַרבעט, געעפנט אַ פּאָר אויגן.
– ער מיינט צו פרעגן – האָט אַ צווייטער זיך אַרויסגערוקט – צי דו האָסט שוין דאָ אין אַמעריקע געאַרבעט אין אַ בעקעריי?
– ער איז דאָך ערשט אַראָפּ פון שיף! – האָט אַ דריטער זיך אַריינגעמישט.
– און ער קען שוין מאַכן אַזאַ אַמעריקאַנער ״האָצי־טאָצי״? – האָט עמיץ אויסגערופן.
סעם, דער גרוי־קעפּיקער, האָט אַ קלאַפּ געטאָן פעלצן אויף דער פּלייצע:
– כ׳האָב דיר געשטעלט די פראַגע, ווייל כ׳האָב געזען, ווי אַזוי דו נעמסט דעם זאַק אין האַנט אַריין. און כ׳מוז דיר זאָגן, דו ביזט אַ בעל מלאכה. האָב ניט מורא, וועסט זיין

פון די "באָיעס", וועסט זיין פון די "רעגעלע באָיעס":

פון הינטער אַ דריי־גאָרנדיק וועגעלע, געפּאַקט מיט שאַכטלען, וואָס האָט זיך פאַרבייגערוקט אויף רעדלעך – איז אָנגעקומען דער באָס מיט גיכע שפּרייזן, אַ שמייכלענדיקער, מיט צענומענע הענט, איז ער גרייט געווען אָפּצופּסקענען דעם אורטייל. פול מיט באַוואָרעניש האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן טיש, דערנאָך אויף פעלצן און געזאָגט:

– כ'האָב געזען די אַרבעט. ס'גייט לאַנגזאַם, אָבער וועסט זיך איינברעכן. די הויפּט־זאַך, נישט אָפּשטיין. גיין פאָרויס! און מעגסט שפּריצן אַ ביסל גרעבער, פולער, וויניקער דריידלעך, מער שטערנדלעך, מער מאַקאַראָנדלעך! פאַרשטייסט וואָס כ'מיין? ס'זאָל זיין וואָס אָנצוקוקן! דאַרפסט ניט קאַרגן קיין פּוטער, אין אַמעריקע פעלט ניט קיין מאַטעריאַלן... איצט שאַדט ניט, זאָלסט זיך באַקענען מיט די באָיס. דער גראָבער, וואָס האָט דיך צוגעפירט צום טיש, איז אַ "לאָקש". ווייסט וואָס כ'מיין? – אַן איטאַליענער. דער גאַנצער שייגעץ איז ניט אַלט קיין צוואַנציק יאָר. און אַ ביסל שמאַלץ טראָגט דאָס אויף זיך, אַ שטיק בויך! דאָס קומט פון די דריי קוואָרט מילך, וואָס ער טרינקט אויס יעדן טאָג. ער הייסט טאָני, אָבער אין שאַפּ רופט מען אים "באַמבינאָ" – אַן איטאַליענישער נאָמען, אויף אונדזער לשון מיינט דאָס "בעיבי". לאַכסט? זעסט דאָך זיינע פּיסקעס? דער מאַמעס מילך ליגט נאָך אויף זיינע ליפּן... אַזוי איז ער אַן אָפּגעהיטענער יוניאָן־מאַן, גייט אַ היים צו די אַכט שעה, אָבער אַז ס'קומט אונטער אַ מסירהלע אויף אַ מאַן, איז ער דער ערשטער עס אונטערצוטראָגן דווקא מיר, דעם באָס! אַזאַ אונטערלעקער. ער דערשפּירט גלייך אַ קאָנקורענט. ער האָט ניט ליב זיינס גלייכן. אָבער דו גיי אים פאַרביי, אַז ס'לאָזט זיך, מעגסט אים איבערוואַקסן. כ'בין שטענדיק גרייט פאָרצוציען ביי מיר אַ יהודי... וועגן דיינע וועידזשעס – אַ טאָלער אַרויף, אַ טאָלער אַראָפּ, וועל איך דיר זאָגן מאָרגן. און איצט – האָט ער אַ וויז געטאָן אויף די טישן מיט אַרבעט – אַ שאָקל, אַן אָרנטלעכן שאָקל!

דער באָס איז אַרויס. מיט כוחות וואָס רינען אין די אָדערן, מיט בלוט וואָס פּאַליעט אין די שלייפן, האָט פעלץ זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. ער האָט זיך באָנוצט מיטן געצייג, האָט גענומען נאָכקוקן די טיש־מענטשן, וועלנדיק כאַפּן דעם שניט. אַרבעטער זיינען אָנגעגאַנגען מיט זייער אַרבעט. טייל זיינען געווען גלייכגילטיק, אַנדערע האָבן געוואָרפן בליקן פול מיט אומצוטרוי און פאַרדאַכט. פעלץ האָט עס דערשפּירט. מיט איין ציין־ביס האָט ער געוואָלט צעבייסן די פרעמדקייט, דורכשטופּן זיך דורך דער וואַנט, וואָס טיילט אים אָפּ פון די איבעריקע. דער חידוש איז געוואָרן גרעסער. אַ יידישער שאַפּ, אַ יידישער באָס, אַרבעטער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, אַן אָנגעלויף פון פרעמדע לענדער. און אַז ס'באַווייזט זיך ווידעראַמאָל אַ פּליט, אַן אַנטלאָפענער פון רדיפות – גלאָצן אויף אויגן, פאַלן בליקן מיט חשד.

פעלץ האָט געזוכט צו פאַרטרייבן דעם געדאַנק, גלויבנדיק אַז ס'איז ניט מער ווי איינריידעניש. דערצו האָט אַן עקשנות אין אים זיך איינגעגעסן, אויפוויינזנדיק, אַז אין דער פרעמד דאַרף מען אַלץ נעמען פאַר ליב. און אַלע חושים האָבן זיך געוויקלט אַרום איין פּינטעלע – קלאַמערן זיך אין דעם שאַפּ, ווי אין אַ שוץ־אָרט, געפינען אַן אָנשפּאַר צווישן די זיכערע ווענט.

----------

צומאַרגנס, פֿאַרטאָג, איז פּעלץ געקומען צווישן די ערשטע אין שאַפּ אַריין. ס'איז געווען אַרום זעקס אינדערפֿרי. די נאַכט־שיכט האָט נאָר וואָס געהאַט געענדיקט, און די טאָג־אַרבעטער האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן. ס'איז געווען נאָך טונקל – די טונקלקייט פֿון אַ פֿאַרוואָלקנטן און פֿאַרשנייטן פֿרימאָרגן. איינצלנע לעמפּלעך האָבן נאָך געברענט איבער די טישן. אַ נעגער איז אַרומגעגאַנגען פֿון איין שלאָג־מאַשין צו דער צווייטער און אויסגעשמירט די שרייפֿלעך מיט אויל און פֿעטס. דאָס קליידער־צימער, דאָס וואַש־צימער זיינען געווען געפּאַקט. איטלעכער איז געשטאַנען איבער זיין שאַפֿקע. מען האָט איבערגעטאָן די אַרבעטס־בגדים און בשעת מעשה זיך געקיבעצט. איינער האָט אונטערגעוואָרפֿן עמיצנס אַ היטל, אַ צווייטער האָט פֿאַרשטעקט אַ פּאָר פֿרעמדע שיך. די יונגען האָבן זיך צעלאַכט אויפֿן קול. אַ גראָב וואָרט, אַ געמיינער וויץ האָט זיך געטראָגן פֿון מויל צו אויער.

פּעלץ האָט געוואָלט אַריינשטעלן ביידע פֿיס אין דעם געזעמל, ווערן היימיש, און כאָטש דאָס ענגלישע לשון האָט אים נאָך געקלונגען שווער, האָט ער פֿון דעסטוועגן געוואָרט מען זאָל אים אויך אונטערשטעלן אַ פֿיסל, פֿאַרוואָרפֿן אַ פֿראַגע, ער זאָל האָבן מיט וואָס צו פֿאַרקניפּן אַ שמועס.

ער האָט זיך גענומען אויסטאָן און מיטאַמאָל זיך דערמאָנט אָן דעם בריוו, וואָס ער האָט מיט אַ נאַכט פֿריער אָפּגענומען. דער בריוו, באַדרעקט מיט אותיות און טרערן, האָט דערציילט פֿון די עלטערנס היים, פֿון דער ביטערער לאַגע. דער בריוו האָט געמאָנט רעטונג, האָט געמאָנט גיכע הילף. און פּעלץ, אַ באַלאָדענער מיט כּוחות, גרייט דורכצוזעצן וועגט, האָט זיך גענומען פּילן זיכערער.

מאַריאַנאָ, אַ הויכער יונג, אַ שפּאַניער, מיט אַ פֿאַרוקן־קאָפּ פֿון סערענאַדע־שפּילער וואָס מען זעט אויף די גאָבעלינען, האָט אַ נייגעריקער זיך דערנעענטערט צו פּעלצן און מיט די פֿינגער אָנגעטאַפּט דעם קאָלנער פֿון זיין בלויען העמד.

– דאָס העמד איז געקויפֿט אין דייטשלאַנד?

– יאָ, ס'איז ערזאַץ.

– ס'איז געמאַכט פֿון פּאַפּיר.

– אַ העמד געמאַכט פֿון פּאַפּיר. – האָט דער שפּאַניער געעפֿנט אַ פּאָר אויגן – איז שוין קיין לייוונט אויך אין דייטשלאַנד ניטאָ? העי פֿריץ, ווו ביסטו? – האָט ער אַ רוף געטאָן איבערן שאַפּ – קום אַהער, וועסט אָפּנעמען נאָך אַ גרוס פֿון דעם דריטן רייך. קיין פּוטער איז דאָרט ניטאָ, קיין פֿלייש, קיין קאַרטאָפֿל אויך ניט. איצט נאָך אַ נייעס. העמדער מאַכט מען שוין פֿון פּאַפּיר.

ס'איז צוגעקומען אַ הויכער בלאָנדער דייטש מיט אַ העל פּנים און אין די וואַסעראויגן אָן אומהיימלעכער שפּריץ. ער האָט מיט די אייגענע פֿינגער באַטאַפּט דאָס העמד, מעשה עקספּערט געקנייטשט דעם שטאָף אַהין, אַהער און אַנטשלאָסן אַ זאָג געטאָן:

– דאָס העמד איז האַלב־זייד.

– ס'איז פּאַפּיר – האָט פּעלץ עקשנותדיק איבערגעחזרט – און פּאָר פּאַפּיר רעקלאַמירט מען דאָס אין דייטשע געשעפֿטן.

– אויב דאָס איז פּאַפּיר, ווי אַזוי קענסטו עס וואַשן? – האָט פּיטער, אַ נידעריקער פּאָליאַק, זיך געפֿרעגט.

– מען וואַשט עס טאַקע צוויי מאָל.
– און דערנאָך וואַרפט מען עס אַרויס?
– וואָס דען? מען נוצט עס אַלס פּאַק־פּאַפּיר? – האָט מאַריאַנאָ זיך צעלאַכט.

פּריץ האָט זיך אויסגעדרייט. ער האָט אָפּגעמאָסטן צוערשט דעם לאַכעדיקן שפּאַניער, דערנאָך פּעלצן מיט אַזאַ קאַלטער אימה, גלייך מען וואָלט אים אונטערגעטראָגן אַ בשורה, אַז דייטשלאַנד איז אָפּגעווישט פון דער לאַנד־קאַרטע.

סעם איז אַריינגעקומען. ער האָט אַריינגעפלאָכטן די פינגער אין זיין גרויען קאָפּ, אַ ווונק געטאָן צו פּעלצן, ער זאָל צוקומען. און ווען ער האָט אים דערטאַפּט אָן אַ זייט, האָט ער זיך אָנגערופן:

– האָסט דיר שוין געשאַפן אַ שונא. און בכלל דאַרפסטו אין דעם שאָפּ זיין אָפּגעהיט מיט אַ וואָרט. לאָזטו אַ פּיפּס – צעבלאָזט מען עס איבער דער עוועניו... פּריץ איז אַ דייטש, דערצו אַ נאַצי. ער וועט דיך שוין האָבן אויפן אויג. דו, אַ נייער מענטש, רייד ניט מיט אים קיין "פּאָליטיק". האָסט דאָך נאָך אייגענע אין דייטשלאַנד, יאָ? זיי קענען דערפון ליידן.

– טאָ ווי קומט, אַז אַ נאַצי זאָל היינטיקע צייטן אַרבעטן אין אַ יידישן שאָפּ? – האָט פּעלץ איינגעאַנצן געזאָטן.

– ווי ס'קומט? – האָבן ביי סעמען די אויגן כיטרע געשמייכלט – אַמעריקע! אַ שמעלץ־טאָפּ, וואָס פאַרדרייט אַלץ, נאַצים, פאַשיסטן, אַלע מיני שלעק. נאָר פאַרוואָס דער יידישער באָס האַלט ביי זיך היינטיקע צייטן אַ נאַצי? – דאָס איז אַ גערעכטע טענה. נאָר גאָרנישט, קענסט דאָך די אַרויפגעאַרבעטע באַלעבאַטים. אַ באָס בלייבט אַ באָס. וויבאַלד ס'באַווייזט זיך אַ באַי, וואָס איז וויליג צו אַרבעטן פאַר אַ קלענערן לוין, און דערצו אָנבאַצאָלטע אָווער־טאַים – מעג ער זיין אַ טאָטער אויך! און די איבעריקע ערלים זיינען בעסער? אויך באַהאַלטענע שונא ישראל. די יידישע יוניאָן דאַרפן זיי, זי זאָל פאַר זיי שאַפן דזשאָבס, און דעם יידישן באָס ער זאָל צאָלן וועידזשעס. דאַט'ס אָל!

פאַר פּעלצן איז אַזאַ פאַרענטפערונג ניט גענוג געווען. אַלץ אין אים האָט זיך קעגנגעשטעלט. דער גאַנצער אַמעריקאַנער קאָנטינענט, די פעלקער, וואָס באַוווינען אים, אַפילו די לופט – אַלץ איז אין ווידערשפּרוך צו אַזוינע פּלאַנצן, וואָס ווילן דאָ געפינען באָדן. סעמס רייד האָבן אים גערערגערט.

די אַרבעטער, איבערגעטוענע, זיינען אַרויס פון קליידער־צימער. איינציקווייז האָבן זיי זיך געשטעלט צו די טישן. פּעלץ איז נאָכגעקומען. מען האָט איינגעשפּאַנט די קלאַפּ־מאַשינען... מאָטאָרס האָבן גענומען לויפן און איבערן שאָפּ האָט זיך געטראָגן אַ גרילצנדיק ריטמיש געררויש.

פּעלץ איז צוגעגאַנגען צום טיש. קיינער פון די קאָנדיטאָרס איז נאָך ניט געווען. ער איז אַריין אין אָפיס. די בוכהאַלטערין, אַ העל, לאַכעדיק מיידל מיט אַ קאָפּ ווייסע היי־האָר, האָט געלאָזט לויפן אירע דינע מאַניקירטע פינגער איבער דער שרייב־מאַשין. דאָס האָט זי צוגעגרייט די באַשטעלונגען פאַר דעם טאָג־אַרבעט.

דורך דער פראָגט־טיר האָט זיך אַריינגערוקט אַן עלטערער מאַן, זיין רויטלעך פּנים געוויקלט אין אַ ווייס, שפּיציק בערדל, וואָס האָט זיך געשפּאָלטן אין צוויי חלקים. מיטן אַריינקומען האָט דער מאַן אָנגעיאָגט אַ קעלט. די פוטערנע הוט, דער פּאַלטאָ, די שיך – אַלץ איז געווען באַדעקט מיט שניי. ער האָט אויסגעטאָן די קאַלאָשן און אַריינשפּרייזנדיק אין אָפיס, האָט ער אַלץ פון זיך אַראָפּגעוואָרפן ביז צו דער וועסט.

דאָס איז געווען היימאַן שטערן, דער פֿאָטער פֿונעם באָס. צוויי מאָל אַ וואָך פֿלעגט דער אַלטער קומען אין שאַפּ אַריין, זיך אַרומקוקן אין אַלע ווינקעלער, אויפֿזוכן צעבראָכענע שאַכטלען און אויסשניידן פֿון זיין טאָוולען. ער האָט אָנגעשטעלט די פֿאַסטקעס פֿאַר מייז. ער איז געקראָכן צווישן די אויסגעלייריקטע פֿעסער פֿון פּוטער, פֿון פּרוכטן, פֿון האָניג און מיט אַ קעסל־מעסער גענומען אויסקראַצן די רעשטקעס. ער האָט זיך אויף קיינעם ניט געקענט פֿאַרלאָזן, זיכער זייענדיק, אַז מיט פּרעמדע וועט איז גוט פֿייער צו שאַרן. ער האָט געקיבעצט די אַרבעטער, ליב געהאַט צו זאָגן אַ דעה אין אָפּיס און געהאַט אַן אויג איבערן גאַנצן שאַפּ.

היימאַן שטערן האָט דערזען פֿעלצן און אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר בלויע קינדישע אויגן.

– דאָס ביסטו דער נייער? קומסט פֿון דייטשלאַנד, וואָס? כ'ווייס, מיין זון האָט מיר דערציילט. זעסטו, ס'רעדל דרייט זיך! כ'דערמאָן זיך אין מלחמה־ציים – כ'בין נאָך דעמאָלט געווען אויף יענער זייט ים – האָבן אַ ביסל פּוילישע יידן, צום מערסטן יונגעלייט, גענומען אַנטלויפֿן קיין דייטשלאַנד, איז אונדזערע ברידער ניט אָנגעשטאַנען דער יחוס. מען האָט זיך געשעמט מיט די אָסט־יידן, מיט די פּוילישע "הויזירער"... איצט זיינען זיי געוואָרן אויס יחסנים. זיי האָבן אַליין גענומען וואָגלען. ס'האָט אַפֿילו ניט געהאָלפֿן דער שמד... זעסטו – האָט דער אַלטער זיך צעלאַכט – מילה איז אַ וויכטיקער שניט, זעסטו, וואָס אַ מוהל־מעסער קען אויפֿטאָן!

ער האָט זיך אַ רייב געטאָן אין די האַנט־פֿלאַכן און זיך געלאָזט פֿאָרויס.

– נו, מען וועט אַ קוק טאָן וואָס די "באָיעס" מאַכן!

אַ טראָק אָנגעלאָדן מיט פֿריש־געבאַקענע לאַנגע הייוון־שטריצלען איז אים פֿאַרבייגעפֿאָרן האַרט פֿאַר דער נאָז. צוויי נעגערס האָבן נאָכגעשטופּט דעם טראָק. די היץ פֿון דעם וואַרעמען געבעקס האָט אים אַ בלאָז געטאָן אין פּנים אַריין. דער אַלטער היימאַן האָט געוואַרט ביז דער טראָק איז פֿאַרביי, דערנאָך האָט ער זיך צעזונגען.

– סעמקע ברודער! מען הערט דאָך אייך גאָרנישט! ווו זיינען די פּאָר מאַשינען ספּאַנדזש־קעיק? די פּאָר קעסלען קעז־קוכן? דאָנערשטאָג היינט! זאָל זיין לעבעדיקער! ליהודים!

סעם איז געשטאַנען איבער צוויי זעק צוקער. ער האָט אויפֿגעריסן די שטריק, פֿון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף דעם אַלטן און גאָרנישט געענטפֿערט. קעגנאיבער אים איז געשטאַנען מאָריס, אַ מאַן אין ברילן, אין די זעבציקער, זיין האַלב־נאַקעטער אויבערשטער טייל קערפּער אַזוי דין און קנאָכיק ווי ביי אַ יינגל. מאָריס איז געווען פֿאַרנומען מיטן אַריינשרויפֿן אַ גרויסן דראָטענעם שלאָגער אין דער קלאַפּ־מאַשין. ער האָט אַריינגעגאָסן צוויי קאַנען פֿאַרפֿרוירענע אייער־ווייסל אינעם קעסל. און ווען ער האָט אַ קוועטש געטאָן דאָס עלעקטרישע קנעפּל, דער שלאָגער זאָל אָנהויבן לויפֿן, אויפֿקלאַפּן די שוים, דעמאָלט ערשט האָט ער גענומען אַרויסלייגן ווערטער מיט אַזאַ פֿאָרזיכטיקייט, ווי זיי וואָלטן געווען פֿון גלאָז.

– וואָס איז, ר' היימי? איר האָט ליב זיך צו רעשן?

– איין קליייניקייט? כ'זע ניט די צעלייגערט. אַזוי שטיל אין שאַפּ, ווי ס'וואָלט געווען אַ חול המועד־טאָג. און דווקא די באַשטעלונגען זיינען שוין אַריינגעקומען אין אָפּיס. טשאַרלי איז נאָך ניטאָ, ער זאָל אונטעריאָגן. אַ באָס איז טאַקע באָס, האַ? נו

סעמקע, אַ שאָקל מיטן בויך־זעקל!

– ניט איך שאָקל זיך, היימי – האָט סעם אַ קוק געטאָן אויפֿן אַלטן מיט פאָרוווּרף דאָס קענט איר זאָגן דעם דייטש, פריצן.

– שיק מיר ניט צום דייטש! כ'וויל ניט האָבן צו טאָן מיט קיין דייטש. די דייטשן זיינען עמלק. און עמלק איז איין מאָל אונטערגעגאַנגען און ער וועט נאָר אַ מאָל אונטערגיין.

נאָך די ווערטער האָט ער זיך גלייך צוגערוקט צו פריצן:

– האַלאָז, פריץ! וואָס הערט זיך אין פאָטערלאַנד? מען שטעלט שוין אָן די קאַנאָנען? פריץ, וואָס איז געווען פאַרנומען מיטן אויטשטויסן אויפֿן טיש אַ באַרג מיט הייוון־טיי, האָט אומגעדולדיק אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ אויף היינטערווייליעכץ. ער איז גרייט געווען אָפּצופאָרן יעדן איינעם פאַר אַזאַ קיבעץ. דערזעענדיק פאַר זיך דעם אַלטן באָס, האָבן זיינע באַקן זיך פאַרקנייטשט אין אַ געמאַכטן שמייכל:

– ס'איז אָלרייט אין פאָטערלאַנד, מיסטער היימי!

– דו, פריץ ביסט מזלדיק אין אַמעריקע, גלויב מיר! – האָט דער אַלטער אַרויפגעלייגט די רעכטע האַנט אויפֿן האַרצן – מעגסט צען מאָל אַ טאָג קושן די ערד פון דעם לאַנד און אויסשרייען: אַמעריקע, כ'האָב דיך ליב!

– נאָר די ערד דאַרף ער קושן? – האָט סעם פון דערווייטנס זיך אַריינגעמישט – ער דאַרף אָפּשטעלן אין גאַס יעדן ייד און יעדן קאַטאָליק און פון דאַנקבאַרקייט זיי אויך אַ קוש טאָן... און טאַקע ניט אין דער באַק אַריין.

– ווער האָט דיך געפרעגט? – האָט פריץ זיך אַ קער געטאָן בעת דער שפּריץ אין די וואַסער־אויגן האָט געשאָטן מיט פייער.

– דאָ איז אַ פריי לאַנד. מען מעג ריידן – האָט סעם זיך גענומען היצן – דו אַרבעטסט ביי אַ יידישן באָס. באַלאַנגסט צו אַ יידישער יוניאָן און ביסט גאָר אַ נאַצי. האָסט פיינט יידן. ווען איך האַלט דעם שאַפּ, וואָלסטו ביי מיר קיין פיר און צוואַנציק שעה ניט געשטאַנען.

– דאָ פאַרפאָרסטו אים שוין צו פיל – האָט היימי מיט צעגומענע הענט גענומען איינשטילן סעמען – דערויף איז דאָ אַ באָס! דאַרפסט זיך נישט מישן! בנאמנות, דאַרפסט זיך ניט מישן!

מאַריאַנאָ, דער שפּאַניער, וואָס האָט פאַרבייגעפירט אַן אָפּגעליידיקטן טראָק אויף רעדלעך, האָט אָנגעפילט אַ מויל מיט געלעכטער. האָט אָנגעשטעקט די איבעריקע אַרבעטער און זיי אַוועקגערופן פון די טישן. פיטער, דער פּאָליאַק, האָט פון פריילעכקייט געקלאַפּט מיט אַ וואַלגער־האָלץ אין אַ שטיק בלעטער־טייג.

שימקעס, אַ ליטווינער מיט אַ געשטופּלט פּנים, האָט אָנקומענדיק זיך געראַנגלט מיט אַ שווערן זאַק מעל וואָס ער האָט געהאַלטן מיטביידע הענט אויפֿן בויך. אַפילו ניקעל, דער גריך, וואָס האָט תמיד געשוויגן, קיין מאָל זיך ניט אָנגערופן אין אַ שמועס, איז געוואָרן רירעוודיקער. מער מיט שטומע העוויות, איידער מיט רייד, האָט ער געלאָזט הערן, אַז ער האָט אויך עפּעס צו זאָגן.

בלויז פעלץ האָט געשוויגן. כאָטש ער איז געווען צופרידן, וואָס דער נאַצי האָט אַריינגעכאַפּט, האָט ער זיך אָבער נישט אַריינגעמישט, טראַכטנדיק, אַז פאַר אים, אַ נייעם, איז בעסער זיך צוצוהערן און שווייגן.

**פיניע פּלאָטקין**

## ניט נאַר זיך אָפּ, פּאָעט

אַ דיכטער ווערט געבאָרן, אַ דיכטער־שטאַרבט.
פּאָריבער דער זומער, דערנאָך - דער האַרבסט,
דערנאָך די אייפּאָריע אַרום אים פאַרשווינדט
גלייך ווי אַ זייפן־בלעזועלע אומבאַדינגט.
צו אים, ווי צו אַ מענטשן, בלייב ווילגענייגט,
ווען אויף זיין קאָפּ געדיכט אַ נעפּל הענגט,
ווען ס׳קומט אַ מענטש און קלאַפּט זיך אין זיין טיר,
ווען ער איז הילפלאָז איינגעליבט אין דיר.
דערציייל, אויב ס׳ניט קיין סוד, וואָס דו פאַרלאַנגסט,
דיין קאַלטע האַנט צי אויס און אים דערלאַנג,
און זאָג אים שטילערהייט, ניט לאַנג גערעדט:
ניט נאַר זיך אָפּ, ניט נאַר זיך אָפּ, פּאָעט.

— — — — — — — — —

אַ דיכטער הויבט זיך אָן אויך נאָך זיין טויט
אַזאַ איז שוין די ווייסע וועלט געבויט.

## טרערן

אין שטאָט־טעאַטער, שטרענג געקליידט, ניט שווער
גייט אַריין מיט שטאָלץ אַן אַלטע פרוי.
ז׳ האָט אַן אָרט פאַרנומען אין פּאַרטער
און נייגיריק געקוקט וואָס דאָרט קומט פאָר.

ז׳ זעט, ווי זיך אַליין, די גלאַטע וואַנט,
ווו איינזאַם איז געהאַנגען איר פּאָרטרעט,
ד׳ בינע, וועלכע זי האָט ליב געהאַט,
דעם זאַל, ווו זי פלעג זיך פאַרהאַלטן שפּעט.

ז׳ הערט ווי ס׳קלינגען לידער לוסטיק, שיין.
דער עולם איז צופרידן, אַפּלאָדירט...

---

ער האָט דערשפּירט אַ צי פאַרן אַקסל. ער האָט זיך אויסגעדרייט. טאָני, דער איטאַליענער, האָט מעשה־פאָרמאַן באַטראַכט פעלצן, זיכער זייענדיק אַז אָט דער גרינהאָרן גייט אויף זיין לעבן. ער האָט אַ טאַפּ געטאָן די קנויטלעך פון די רינע וואָנצעס און די אָנגעפּרעסענע באַקן האָבן ממזריש זיך געקנייטשט.

– ווילסט ניט היינט אַרבעטן?
– פאַרוואָס וויל ער ניט?
– טאָ וואָס פאַרקריכסטו אין אַ פרעמדן דעפּאַרטמענט?

(סוף אין קומענדיקן נומער)

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# דוד איינהאָרן

## (צו זיין 20־טער יאָרצייט)

1

ווען איך בין געקומען אין 1947 קיין ניו־יאָרק האָב איך נאָך די זכיה געהאַט זיך צו באַקענען מיט אונדזערע שרייבערס וואָס זיינען באַליבט געווען ביי די אָנצייליקע פֿאָלקס־לייענער: אברהם רייזען, אַפּאַטאָשו, ה. לייוויק, י. ראָלניק, מאַני לייב, און פֿיל אַנדערע. מיין בן עיר רפאל פעדערמאַן פון אַרבעטער־רינג האָט מיך דעמאָלט באַקענט מיט דוד איינהאָרן, וואָס האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן מיינע איבערלעבונגען אין סאָוויעט רוסלאַנד אין מלחמה־צייט. אין מיטן שמועס האָב איך פאַר אים ציטירט בעל פה שורות פון זיינס אַ ליד:

עמיץ האָט זיך פאַרבענקט צו דעם בלוי־ווייסן רוים
צו דער נעץ פון די צערטלעכע ליכטיקע שטראַלן,
האָט ערגעץ אַ שטילע מעלאָדיע דערגרייכט ווי אַ טרוים
און איז אין דער וויטקייט פאַרפאַלן.

דאָס איז אַ סטראָפע פון אַ ליד אין זיין ערשט בוך „שטילע געזאַנגען", וואָס איז אַרויס אין 1909 און די ראָמאַנטיש־לירישע פערזן פון דעם דריי און צוואַנציק יאָריקן פּאָעט האָבן אַרויסגערופן אַן אויסערגעוויינלעכע באַגייסטערונג ביי דער קריטיק פון יענער צייט. זיינע לידער זיינען געווען אַ פרילינגדיקע דערפרישונג פון שטימונגפולע טענער, וואָס האָבן אויסגעדריקט עמאָציע, בענקשאַפט און חלום. פאַרן לייענער אין יענער רענעסאַנס־עפּאָכע בימי פרץ און ביאַליק איז איינהאָרן געווען אַ חידוש און דערוואַרטונג אויף אַ באַנייט־מאָדערנער יידישער ריכטונג. נאָך דער פאַרנאַס־פּאָעזיע

---

פאַרוואָס האָט זיך אַזוי די פרוי צעוויינט
און וואָס איז, סוף־כל־סוף, געשען מיט איר?

דער טעאַטראַלער קונסט האָט זי געדינט
מיט גרויס דערפאָלג און בלויז מיט דעם געלעבט.

- - - - - - - - -

אַ שוישפּילער אַ יונגער שטייט און זינגט
און מיט אַ בינטל בלומען גייט אַוועק.

***

ווען איך, חלילה, וואָלט געוואָרן בלינד,
ווען איך חלילה, וואָלט געוואָרן שטום,
ס'וואָלט סיי ווי סיי געצויגן מיך אַהין,
ווו ס'איז אַ מאָל געווען מיין טאַטנס שטוב.

ב'וואָלט פשוט, אָן התלהבות, דאַנקען גאָט,
ווען ער וואָלט מיך אין שטעטל אויסגעריכט...
ב'וואָלט שטיין און לאַנג ניט רירן זיך פון אָרט,
ווו ס'פלעג די מאַמע יום־טוב בענטשן ליכט.

אין פראַנקרייך און נײ־ראָמאַנטיזם איז די יידישע פּאָעזיע געווען נאָך אַלץ פּראַגמאַטיש, נאַראַטיוו און פאָלקיש. דור איינהאָרנס ערשטלינג איז גראָד אויסגעפאַלן אין צייט פון רעוואָלוציאָנערע אויפברויזן אין דער גרויסער רוסישער אימפּעריע; נאָכן דורכפאַל און אָנהייב פון אַ צעבושעוועטער רעאַקציע, האָט די אַנטוישטע יוגנט געפונען טרייסט אין איינהאָרנס פאַרבענקטע יחידשע לידער.

אינטערעסאַנט איז אָבער די דיכטערישע אַנטוויקלונג פון איינהאָרן אין דעם דור פון די ליטעראַרישע באַוועגונגען, אין דער צייט פון די יונגע, די אינזיכיסטן, עקספּרעסיאָניסטן. ער האָט זיך לחלוטין נישט אַריינגעפּאַסט אין יענע מאָדערניזמען און געשפּאַנט זיין אייגענעם וועג.

אין זיינע שפּעטערע לידער און פּראָזע, אין זיינע רייזע־איינדרוקן, רעפּאָרטאַזשן, אַרטיקלען און עסייען איז קענטיק געווען זיין צוגאַנג און באַנעם וועגן פּאָעזיע אין פאַרבינדונג מיט די לעבנס־פּראָבלעמען, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע צייט־פּראַגן, שינויים און טעמאַטיק וואָס זיינען מער רעאַליסטיש, באַזאָרגיק פאַרן פאָלקס־גורל. אין צייט פון חורבן ווערט ברויזנדיק בלוטיקער ס׳קול פון געוויסן, דערווידערקול פון דיכטערס "אָשמני מכל עם".

דור איינהאָרן איז געבוירן געוואָרן אין 1886 אין שטעטל קאַרעליטש, נאָוואָגרודקער קרייז. זיין פאָטער, אַ מיליטער־דאָקטער, האָט געגעבן זיין זון אַ טראַדיציאָנעלע דערציאונג. צו דרייצן יאָר שרייבט ער העברעיש, אָבער אין זיינע יוגנט־יאָרן ווערט ער צוגעצויגן צום בונד און באַטייליקט זיך אין פאַרשידענע צייטשריפטן מיט לידער. אין 1909 דערשיינט (ווי דערמאָנט) זיין ערשטע זאַמלונג "שטילע געזאַנגען".

בעל מחשבות און ניגער האָבן באַצייכנט זיינע לידער ווי אַ ווענד־פּונקט אין דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע. מ. אָלגין, אין יענער צייט אַליין אַ ראָמאַנטישער פּאָעט, האָט אין זיין בוך "אין וועלט פון געזאַנגען" ציטירט איינהאָרנס לידער ווי מוסטערן פון גוטער־עכטער פּאָעזיע. אויך דאָס צווייטע לידערבוך, "מיינע לידער" (1912) האָט פאַרכישופט דעם לייענער מיט דער שיינקייט פון יחידישן ליריזם, הגם די לידער האָבן אויך מאַניפעסטירט זיינע נאַציאָנאַלע געפילן.

אין זעלבן יאָר, 1912, ווערט ער אַרעסטירט פאַר זיינע בונדיש־רעוואָלוציאָנערע טעטיקייטן, אָבער נאָך אַ האַלב יאָר ווערט ער באַפרייט. ער פאַרלאָזט זיין היימלאַנד, וווינט אַ צייט אין פּאַריז, אין דער שווייץ און אין דייטשלאַנד.

ס׳קומען פאָר ענדערונגען אין זיין שאַפן, מער פּראַגמאַטיש אין זיינע נאַציאָנאַלע השקפות, טעמעס פון יידיש־קריסטלעכער גראַנגלעניש ווי "די דריי ליליען". אין 1917 דערשיינען זיינע לידער און סאָנעטן "צו אַ יידישער טאָכטער" און "דער פרילינג רופט". ער האָט דעמאָלט געוווינט אין וואַרשע.

ווי י. מלאָטעק גיט איבער, איז ער קיין מאָל נישט געווען קיין מיטגליד אין בונד און דאָך האָט ער אָנגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיטן בונד. אין אַ שמועס מיט יעקב פּאַט האָט איינהאָרן געזאָגט ..."אין כאַאָס פון יידישן לעבן האָט פאַר מיר אַרויסגעשטראַלט די אַלטע בונדישע גוואַרדיע, די מענטשן זיינען געשטאַנען זייער הויך. עס איז מיר שטענדיק געווען טייער די אידעע פון סאָציאַלער גערעכטיקייט".

אין די עטלעכע יאָר וואָס ער האָט געוווינט אין וואַרשע, האָט ער געשריבן

רעצענזיעס, פעליעטאָנען, דערציילונגען און לידער. ער האָט מיטגעאַרבעט אין די בונדישע "לעבנס פראַגן". אין 1920 באַזעצט ער זיך אין בערלין און שרייבט פאַרן "פאָרווערטס". אַ טיפן רושם האָט געמאַכט זיין פּאָעמע "רעקוויעם" וועגן די צען מיליאָן מלחמה־קרבנות פון ערשטן וועלט־קריג. אין 1922 איבערזעצט איינהאָרן די פּאָעזיע פון עלזאַ לאַסקער שילער און דעם ראָמאַן "1793" פון וויקטאָר הוגאָ. פון 1924 וווינט ער ווידער אין פּאַריז.

ער ווערט מיטרעדאַקטאָר פון דער דאָרטיקער בונדישער "אונדזער שטימע", אין זיינע אַרטיקלען איז ער אַ ביטערער באַקעמפער פון קאָמוניזם. באַרימט איז דעמאָלט געווען זיין "אָפענער בריוו צו הער אָלגין". ווען היטלער איז אָנגעפאַלן אויף פּוילן באַווייזט דער ריכטער־וואַנדערער אין 1940 צו קומען קיין ניו־יאָרק, וווּ ער בלייבט ביזן סוף פון זיין לעבן און ווערט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין "פאָרווערטס".

2

אין זיין ליטעראַטור־קריטיק דריקט איינהאָרן אויס זיין קעגנערשאַפט צום עקסטרעמען מאָדערניזם. ער גלויבט אַז אונדזער דיכטונג דאַרף זיך קאָנצענטרירן אויף יידישע מאָטיוון און זיך באַפרייען פון פרעמדע איינפלוסן. אין די יאָרן נאָכן חורבן רופט ער זיך צוריק צו קערן צו יידישקייט, צום יידיש טראַדיציאָנעלן לעבן. אַזאַ טענדענציעזע רעאַקציע האָט זיך אויפגעוועקט נאָכן חורבן ביי אַ סך יידישע שרייבער. ניגער, וואָס איז געווען באַגייסטערט פון איינהאָרנס "שטילע געזאַנגען" האָט ניט געקענט פאַרשטיין זיין אָפּנויג פון זיינע פריערדיקע אוניווערסאַלע און ראָמאַנטישע שאַפונגען. אָבער זיין געמיט פון בענקשאַפט און צער איז געווען דער אָפּשיין פון דורותדיקע ליידן און ביטערן גורל פון אונדזער פאָלק וואָס זיין גלותדיקייט איז דער וועלט־גלות, ווו די שכינה בענקט צו גאולה.

דער אמת איז, אַז דוד איינהאָרן האָט זיך קיין מאָל נישט דערווייטערט פון זיין יידיש־טראַדיציאָנעלער ירושה, פון זיין ליטווישער היים, ווו ס'שוועבט דער אומעט אויף צעוויגטע פעלדער, ווו ס'בענקט דער טרויער און האָפט אין צווייפל, ווו ס'דאַווענען די ווייסע בעריאָזקעלעך און "עפּעס האָט אין האַרצן טיף ביי מיר געגומען בענקען; / זיי שוין קליין בעריאָזקעלע מתפלל אויף פאַר מיר".

אין זיינע יונגע יאָרן פאַרזיכערט ער אַז מיר וועלן פאַרבלייבן אין שיל אַפילו ווען דער לעצטער בעל־תפילה וועט פאַרשווינדן, ווייל אייביק וועלן יחידים היטן זיין הייליקייט. אָבער אין זיין צווייפל טרויערט ער אויפן לעצטן בעל־תפילה און די פאַרשעמטע שאָטנס וואָס מאַכן פול די איינזאַמע שול:

גשעשטאָרבן דער לעצטער בעל תפילה,
נישטאָ ווער צום עמוד זאָל גיין,
עס לעשט זיך און צאַנקט דער נר־תמיד
ביי זיך אין זיין ווינקל אַליין.

אין זיינע תפילות און ווידויים, אין זיין בענקשאַפט נאָך משיח וואָס זיצט ביים טויער פון רוים, טרויערט ער אויף זיין פאַרלוירענעם גאָט, וועלכען ער זוכט אין זיין אַליינקייט אין קאָרן, אין וואַלד, לעבן אַ סאַזשעלקע... "איך האָב געהאַט אַ גאָט און אים פאַרלוירן / איצט הער איך אים גיין דורכן גאָלדענעם קאָרן / ס'קושט יעדע זאַנג זיינע ליכטיקע טריט / נאָר איך זע אים ניט..."

בלויז אין דער פּאָעטישער נאַכט קען ער אים גרייכן. ער באַצייכנט די געטלעכקייט אין זיין שטיל געבעט "צום געראַנק וואָס וועט קיין מאָל נישט שטאַרבן, צו דער ליבע וואָס וואַרעמט די ערד".

ער האָט אין זיינע יונגע יאָרן אויך געשריבן פּאָעמעס פון יידיש-געשיכטלעכן אינהאַלט, מאָטיוון פון עלילת דם און קידוש השם. ער פאַרבינדט די יידישע מאַרטיראָלאָגיע מיט די ליידן פון מענטש, ער האַלט, אַז מיר מוזן פאָדערן גערעכטיקייט פון דער וועלט פאַר אַלץ וואָס ליידט. אָבער זיינע לירישע נאַטור-מאָטיוון, זיין בענקעניש צו דער פאַרהוילענער בת מלכה מיט אירע שטילע טריט אין ווייכן מאָך שוועבט איבער זיין יידישער פאָלקס-ראָמאַנטיק און איז פול מיט פּאָעטישן חן:

די בלאַסע בת מלכה נאָך וועלכער איך בענק
און וועל זי נישט קיין מאָל געפינען,
פאַר דער וואָס איך פלעג אין די פינצטערע נעכט
די האַרציקסטע מעשהלעך שפּינען.

אויף זיינע וואָגל-וועגן באַגלייטן אים דער טונקעלער אומעט פון זיינע ליטווישע שטעטלעך, די ענגע געסלעך פון וואָלקאָווויסק מיט הייזלעך פאַרוויגטע ווי קינדער: "מיין נשמה געהערט צו מיין שטעטל וואָס ליגט אויף דער ליטווישער ערד". שיער נישט מיצקעוויטשעס "ליטווא, אויטשיזנאַ מאָיאַ, טי יעסטעש יאַק זדראָוויע".

3

מיר ווילן אויסמיידן די לייכטע שליחותדיקע לידער ווי "פרידן" "בטחון" און מער אַקצענטירן די קינסטלעריש רויערנדיקע סימבאָלישע לידער:

עס שטייט אין וועלט אַן אַלט פאַרדאַרטער דעמב,
און איך, איך בין זיין לעצטע צווייג געבליבן;
נאָך גרינט אַ בלאַט אויף מיר, דאָך האָט דער האַרבסט
אויף אים זיין געלן אורטייל שוין געשריבן.

די שורות דריקן אויס מענטשלעך גורדליקע אין-ברירהדיקייט און יאוש. רירנדיק זיינען די נאַראַטיווע פּאָעמעס: "דריי ליליען", "צו אַ יידישער טאָכטער", "פאַר אַ מאָנאַסטיר", וואָס שילדערן די יידיש-קריסטלעכע קאָנפליקטן, די משפחה טראַגעדיעס אין שטעטל ווען אַ קינד גייט אַריבער "אויף יענער זייט תחום". לויט בערדיטשעווסקי איז אַזאַ מין טראַגעדיע אַ טייל פון שטעטל-פאָלקלאָר.

ס'קומען זיך צונויפמען די מחותנים צו דער חתונה נאָר די כלה איז נשטאָ. זי איז ערגעץ ווו פאַרשווונדן. מיט אַ פריציש זונדל, אַ בן יחיד ווערט זי געפירט פון אַ גלח אין קלויסטער אַריין. דער חתן רופט פאַרצווייפלט: "אָ גאָט דאָס איז מיין כלה / און ס'שפּרינגען אויף פון וואָגן אַלע / אַ ווילדער קרעכץ, אַ פרעך געלעכטער / פאַרפלוכטע פון ישראל, טאָכטער, אַ קללה דיר פון אַלע יידן / (און זי ענטפערט זיי) דאָבראַנאָץ זשידזשי, גריסט די מאַמע".

אין זיינע נאַציאָנאַלע לידער איז ער דורכגעדרונגען ממעמקימדיק מיט די ליידן און האָפענונגען פון אונדזער פאָלק אין זיין איינזאַמען גיין אין דער וועלט דורך טויזנטער יאָרן צווישן חלום אוןווירקלעכקייט. ער קומט אָפט צוריק צום גמרא-ניגון ווי ביאַליקס על סף בית המדרש, און צום טרויער פון כל נדרי און בין השמשותדיקער

נעילה. אין זיינען שלאָפלאָזע מעדיטאַציעס זעט ער די כנסת ישראל פון שיר השירים ווי "אַ שאָף וואָס קען זיין פאַסטער נישט דערגרייכן / און וואַרט אויף אַן ענטפער פון די ווייטע הייכן".

אין תשעה באב 1941, בעת די היטלער־אַרמיי האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די אייראָפעישע לענדער, האָט דער דיכטער געגלויבט אַז די גאַנצע וועלט וועט ליידן פאַרן האַס וואָס זיי האָבן פאַרזייט. "איצט איז דיין קלאָג געוואָרן זייער קלאָג, איצט וועט מען שוין נישט זאָגן דו ביסט איינער". אין איינהאָרנס קאָנצעפּציע איז אונדזער גלות דער אָפּשיין פון וועלט־גלות.

זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען דורות לאַנג
אַז דו באַוויינסט אַ גרויסע וועלט רואינע,
אַז דו פאַקלאָגסט דעם גלות פון דער וועלט
און איבער אַלע פעלקער וויינט דיין קינה.

ס'איז געווען אַ שרעקלעכער אונטערשייד צווישן די ליידן פון דער וועלט און פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק. אין אַ ליד וועגן חורבן קען ער שוין קיין ווערטער נישט געפינען חוץ לויטערע טרערן. בלייבן אים בלויז איבער זיינע קינות און תפילות צו גאָט אַליין. ווייל – "דו ביסט מיט מיר ווען איך טראַכט פון דיר, אפילו ווען איך פאַרלייקן דיך..."

-----

אין זיינע יונג־רעוואָלוציאָנערע יאָרן, ווען ער איז געווען פאַרבונדן מיטן בונד האָט דוד איינהאָרן איבערגעלאָזט זיינע פּאָעטישע שפּורן פון דערהויבענעם געזאַנג צו דעם יידישן אַרבעטער: אַ וואַלד פון הענט, באַהאָפטן פון איין ווילן, גאָטס האַנט פון רעכט וואָס ברעכט אומרעכט ביזן פונדאַמענט. ער שרייבט אַ ליד געווידמעט מעדעמען: "אַלע זיינען שוין אַוועק" און "צו וואָלאַרעקס טויט". אָבער די קאַמפּס-לידער זיינען אויך קינסטלעריש דערהויבן, אַנדערש פון די באַנאַלע פּראָפּאַגאַנדע־לידער.

פיל טיפער זיינען זיינע חורבן־מעדיטאַציעס און עסייען וועגן יידישן קיום. "אשמני מכל עם" איז אַ פּאָעטישע ווידוי פון געוויסן וואָס דריקט אויס דעם אינערלעכן אויסגעשריי פון די לעבנגעבליבענע נאָכן חורבן. ווי ביאַליקס "אכן גם זה מוסר אלהים": געוויס איז דאָס אַ שטראָף פון גאָט וואָס איר זייט פאַלש אייער אייגן האַרץ... איר פאַרזייט אויף יעדן פעלד אייערע הייליקע טרערן... איר בויט פּאַלאַצן פאַר אייערע האַסערס און מויערט איין אייערע אייגענע קינדער פאַר ציגל... אַזוי באַשולדיקט אויך איינהאָרן זיך אַליין און זיין דור, וואָס איז אין די לעצטע הונדערט יאָר געגאַנגען אין חדר צום גוי און זיין קולטור און דער גוי האָט אונדז אויסגעראָטן: "אשמנו מכל עם, מיר האָבן גענומען גלויבן אין דער דייטשער עמאַנציפּאַציע, נאַציאָנאַליזם און מאַטעריאַליזם און נישט אין יידישער גייסטיקייט, בושנו מכל עם, מיר האָבן אָנגעהויבן גלויבן אין קאָלעקטיוו און פאַראַכט דעם יחיד בשעת מיר האָבן געלערנט אַז איין מענטש איז אַ גאַנצע מענטשהייט, אַ וועלט פאַר זיך אַליין; מיר האָבן געגלויבט אין די נאַציאָנאַל פילאָזאָפן – העגעל, פיכטע, פון אַן עם הספר זיינען מיר געוואָרן אַן עם הכופר (אָפּלייקענער פון יידישקייט) אשמנו מכל עם. און איצט שטייען מיר געבויגן און צעבראָכן מיטן ביסל שארית הפליטה. אויב מיר ווילן איצט נישט מאַכן קיין חשבון הנפש ווילן מיר אונטערגיין און מיט אונדז די גאולה פון דער וועלט".

אין זיינע עסייען, אַרטיקלען און "שמועסן פון זיידן מיטן אייניקל" האָט ער געגלויבט אין צוריקקער צו טראַדיציע. אין 1943 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך "אב הרחמן" מיט נאַציאָנאַלע און חורבן־לידער פון צער און צאָרן און גרויס ליבשאַפט צו זיין פאָלק. אין זיין לעצטן בוך "געזאַמלטע לידער" 1952, וואָס איז אַרויס אין פאַרלאַג פון אַרבעטער־רינג, באַרויערט דער דיכטער אונדזער אומגעקומענעם פאַרלוירענעם לעבנס: שטייגער און טראַדיציע "וואָס ווערט געשענדט פון אייגענע און פרעמדע הענט". דוד איינהאָרן איז געשטאָרבן אין אַרבעטער־רינג היים אין מאַרץ 1974.

אין זיינע בלאָנדזשעניש אויף אַלע קאָמפּליצירטע וועגן האָט ער מיט זיך געטראָגן דעם צער פון הבלס טויט אין אַ וועלט פון קינס אייביק לעבן, און ביז דעם לעצטן אָטעם האָט זיין נשמה זיך פאַרבונדן מיטן פאָלקס־טרויער:

מיין ליד וועט אַן איינזאַמע תפילה דיר ווערן,<br>
אַ בעכער פאַר דיינע פאַרלאָזענע טרערן;<br>
מיט אים וועסטו וועבן דיין טרויעריקן ניגון,<br>
מיט אים וועלן מאַמעס די קינדער פאַרוויגן.

דעם אני מאמין וואָס דער דיכטער האָט אויסגעדריקט צו זיינע 23 יאָר איז ער געטריי געבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן.

---

**יוסף פיווין** / חיפה

## כ׳ליג אויסגעצויגן אויף דער ערד *)

כ׳ליג אויסגעצויגן אויף דער ערד<br>
אַ שפּאַלט איז האָפענונג<br>
איבער אָוונט־צייט.

כ׳ליג אויסגעצויגן אויפן זאַמד<br>
דער זכרון<br>
איז האָפענונג<br>
אָן שפּאַלטן.

כ׳ליג אויסגעצויגן אויפן אָוונט

די האָפענונג<br>
איז אַ שפּאַלט<br>
אין זכרון.

און אַזוי פאַרגייען טעג<br>
און זייערע זונען<br>
אומבאַהאָלפן<br>
מיט שפּאַלטן<br>
אָן האָפענונג.

איבערזעצט:<br>
**רבקה באַסמאַן**

*) י ו ס ף  פ י ו ו י ן  איז אַ יידישער דיכטער וועלכער שרייבט אין שפּאַניש. געבוירן אין 1942־טן יאָר אין אַרגענטינע, ווו ער האָט שטודירט אויפן אוניווערסיטעט אין סאַנטאַ פע. איז ער אין 1973 עולה געוועזן קיין ישראל. אין אַרגענטינע האָט ער פאַרעפנטלעכט צוויי לידער־ביכער. זיינע לידער זענען געוואָרן איבערגעזעצט אין ענגליש, העברעיש, יידיש און פויליש.

לויט דער רעקאָמענדאַציע פון דער דיכטערין  ר ב ק ה  ב אַ ס מ אַ ן  האָט יוסף פיווין צוגעשיקט אַ ליד, אין איר איבערזעצונג, צום "חשבון" פאַרוואָס מיר דאַנקען סיי דעם דיכטער און סיי דער איבערזעצערין.

רעד.

גרוניאַ קאַהן / מאָנטרעאָל

## האַרבסט

גרין ביסטו, קליאָן,
ס'איז שוין אָקטאָבער,
האָסט ניט פאַרלאָרן נאָך דיין פּראַכט.
דיין שכנטע, די ווייסינקע בעריאָזקע,
האָט זיך פאַרעלטערט איבער נאַכט.
געל געוואָרן זענען אירע בלעטער,
פאַרטראָגן קען זי ניט דאָס קאַלטע וועטער.
אין שפּיגל קוקט אַריין די ליפּע –
דערקענט איר פּנים ניט און כליפּעט.
די ווערבע שטייט פאַרוויינט, פאַרקלעמט,
פאַרטרויערט איז דער אַלטער דעמב, פאַרשעמט.
און בלויז די שטאָלצע, עלעגאַנטע סאָסנע,
באַרימט זיך אויפן גאַנצן קול:
„קוקט מיך אָן!
איך בייט ניט קיין מאָל די קאָלירן,
איר, גוטע ברידער, מעגט מיט מיר שטאָלצירן.
אייביק בין איך גרין,
אַ סאָסנע ווערט ניט אַלט,
גרין בין איך ווען ס'איז הייס,
גרין בין איך, ווען עס ווערט שוין קאַלט״.

***

שיין, זונעלע, שיין,
שענק מיר אַ פּאָר שטראַלן.
ס'וועט אַ שטאַרקער בוים,
באַלד אַנידערפאַלן.

זינג, פויגעלע, זינג,
זינג אויס דאָס לעצטע לידל;
ב'וויל מיטנעמען מיט זיך,
דעם ניגונדל, דעם ליבן.

בלאָז, ווינטעלע, בלאָז,
דערקוויק זיך די נשמה.
איך בין דיר מוחל, ווינט,
איך נעם ניט קיין נקמה.

גיס, רעגנדל, גיס,
געפאַלן איז אַ ריז;
ס'באַדויערט אים די ערד:
„וואָס פון אַ ריז עס ווערט״.

ניט וויין מיין קינד, ניט וויין,
געלאָזן האָב איך וואָרצלען
שטאַרקע.
ס'וועט אויסוואַקסן אַ יונגער בוים
און ווידער וועלן פייגל בויען דאָ אַ
נעסט,
און ווידער וועלן טויבן וואָרקען.

זשאַק בורשטין-פינער / פּאַריז

# רעד שטילער...

## (דערציילונג)

דניאל האָט לסוף זיך אומגעקערט צום הויז, וווּ ס'האָבן איבער צוויי צענדליק יאָר געלעבט זיינע עלטערן, די משפּחה; די היים, וווּ ער אַליין איז געבוירן געוואָרן. אין טונקעלן קאָרידאָר האָט דורכן קליינעם פענצטערל, פון הינטערן געלן פאָרהענגל, אַרויסגעקוקט דער שויבערדיקער קאָפּ פון דער זעלבער הויזוועכטערין. אירע אויסגעלאָשענע אויגן האָבן אים אָנגעקוקט מיט עפּעס אַ ווילדן חידוש:

– מאָן דיעו! איר לעבט נאָך?

דניאל האָט זי אַפילו נישט געגריסט, שנעל פאַרקירעוועט לינקס, צו די שוואַך-באַלויכטענע שטיגן, וואָס האָבן געפירט צום דריטן שטאָק, צו דער מאַמעס היים, ער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר, שווער אָפּגעאָטעמט, געפּרוווט אַ קלאַפּ טאָן אין דער טיר, אויף וועלכער ס'האָט זיך נאָך אָנגעזען דער רויטער לאַקצייכן, וואָס די פראַנצייזישע פּאָליציי האָט איבערגעלאָזן בעתן פאַרחמתענען אַ יידישע היים. ער האָט דער מאַמען געוואָלט אָנזאָגן די בשורה, אַז ביי אים, דניאלן און ביי שאַרלאָטן, איז געבוירן געוואָרן אַ זון. די אומרויקייט אין אים איז געוואַקסן. נאָך אַ רגע האָט ער געוואַרט, ביז ער האָט אַ שטויס געטאָן מיטן לינקן אַקסל און די טיר האָט נאָכגעגעבן.

ער איז אַדורך דעם לאַנגן קאָרידאָר און דערזען, ווי די מאַמע זיצט אויף אַ קעסטל, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, פאַרטראָגן אין שווערע מחשבות. זי האָט אַפילו נישט געהערט זיין אַריינקומען. ער איז צוגעלאָפן צו דער מוטער.

– מאַמע! – האָט ער אויסגעשריגן – מזל-טוב דיר, מאַמע! ס'איז געבוירן געוואָרן ביי אונדז אַ זונעלע.

די מאַמע יוכבד – בלאַס, פאַרעלטערט, מיט אַ פייכטן גלאַנץ אין אירע אויגן – האָט אויסגעזען נישט צו דערהערן. זי האָט אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויף אירע בלייכע ליפּן און שטיל געשעפּטשעט:

– שטילער, קינד. רעד נישט הויך. זיי קענען נאָך דערהערן, אַז מיר רעדן יידיש... זיי וועלן נאָך געוויר ווערן, אַז מיר לעבן...

ער האָט זי אַרומגענומען, געגלעט איר שוואַרץ-גרויען קאָפּ:

– מאַמע, וואָס רעדסטו? מיר זענען שוין באַפרייט. הערסטו דען נישט וואָס עס טוט זיך אויף די בולוואַרן? דאָס איז דער נצחון! ס'איז היינט דער 8טער מאַי! אַלע מענטשן פרייען זיך און טאַנצן, און דו...

– אַלע מענטשן... אָבער נישט אַ יידישע מאַמע... איך דאַרף זיצן שבעה...

דניאל האָט זיך אָנגעבויגן צו איר, כדי נאָך אַ מאָל איר צו זאָגן:

– כ'בין דיר געקומען אָנזאָגן די גרויסע בשורה אונדזערע, אַ מזל-טוב די אָפּגעבן. ס'איז געבוירן געוואָרן אַ יידיש קינד. ער וועט הייסן ביי אונדז חיים – לעבן...

און די מאַמע איז אַלץ געזעסן ווי פאַרגליווערט. זיין בליק האָט אומבאַהאָלפן אומגעוואַנדערט איבער די ליידיקע ווענט, די פענצטער זענען געווען אָנגעזעצט מיט שטויב. אַ טונקלקייט האָט איינגעהילט דאָס גאַנצע הויז.

זי האָט געהערט די גוטע בשורה, אָבער אין אירע אויגן איז געווען מער צער ווי פרייד.

– מאַמע – האָט דניאל געפרעגט – ווער האָט אויסגעליידיקט אונדזער הויז?

– די דייטשן, די פראַנצייזישע מיטהעלפערס זייערע, און אויך די קאָנסיערזשקע זעט מיר אויס צו זיין נישט אומשולדיק... זי קוקט אויף אונדז מיט אויגן וואָס זאָגן אויס אַ סך.

– מאַמע טייערע, מען דאַרף אָבער נישט זיין אַזוי טרויעריק. זע, גאַנץ פּאַריז זינגט, טאַנצט. דו זיצסט שבעה, אָבער מען טאָר נישט אין גאַנצן פאַרצווייפלען. מען דאַרף ווייטער לעבן. אָט קערן זיך שוין אום די קריגסגעפאַנגענע, עס קומען צוריק די דעפּאָרטירטע פון קאָנצענטראַציע-לאַגער...

– נישט אַלע קומען... נישט אַלע...

זי האָט אויסגעשטרעקט אירע דאַרע, אָדערדיקע הענט צו דניאלן און שטיל, מיט אַ פינגער אויף די בלייכע ליפּן, האָט זי ווידער דערמאָנט:

– רעדער שטילער. דניאל, שטילער... מען קען נאָך דערהערן, ווי מיר רעדן יידיש... כ'בעט דיך...

– פאַר וואָס קענסטו זיך נישט באַפרייען פון דעם פחד, מאַמע? מיר זענען שוין פריי... פריי...

אָבער עפּעס האָט זיך דניאל אַליין דערשראָקן פאַר זיינע רייד. ער האָט זיך פאַרטראַכט.

– אפשר , מאַמע, ביסטו גערעכט. ווער קען וויסן ווו יידישע שונאים באַהאַלטן זיך נאָך אויס? אָט פרייען זיי זיך, אָבער צי קענען מיר זיך דען פאַרגלייכן מיט די אַלע, וואָס פרייען זיך?...

דניאל איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט. זיין האַנט האָט געבלאָנדזשעט איבער די אָפּגעבליאַקעוועטע טאַפּעטן. עס האָבן זיך נאָך אָנגעזען דאָ און דאָרט בלייכע פלעקן – צייכנס פון די בילדער, וואָס זענען פאַר דער מלחמה געהאָנגען אויף די ווענט. אַלץ איז פאַרשווונדן. מען האָט אַלץ צעריבט. צעגנבעט. מען האָט רוינירט נישט בלויז זייערע לעבנס, נאָר אויך זייערע היימען, וואָס זיי האָבן מיט אַזוי פיל מי און האָרעוואַנע ביסלעכווייז איינגעאָרדנט אין דער פרעמדער גרויסער שטאָט, וווהין זיי זענען געקומען ווי אָרעמע עמיגראַנטן.

– מאַמע, איך מוז שוין גיין...

דניאל האָט זיך צוריקגעכאַפּט: ניין, ער וויל דער מאַמען דאָ נישט לאָזן אַליין. זאָל זי מיטגיין מיט אים אין שפּיטאָל, צו שאַרלאָטן און אָנקוקן דעם ניי-געבוירענעם, איר אייניקל חיים.

– קום, מאַמע – האָט ער איר געהאָלפן אויפהייבן זיך – לאָמיר זיך צואיילן. דער וועג איז אַ לאַנגער. קום, דאָס קליינע שעפעלע, דאָס נייגעבוירענע קינד וואַרט אויף אונדז. קום, לאָמיר גיין אָפּגעבן מזל-טוב דער טייערער שושנה...

יצחק קאַהאַן / מעלבורן

# ראַנדעוווּען מיט אַלטע גאַלייענטע ביכער

אונטער דעם אויבנדערמאָנטן טיטל קלייב איך זיך שרייבן אַ ציקל עסייען וועגן געלייענטע ווערק וואָס האָבן באַקומען ביים צווייטן מאָל לייענען, נאָך אַן איבעררייס פון אַ ריי יאָרן, גאָר אַ ניי ליכט. איך באַטאָן: אין קונסטווערק גילט נישט דער כלל גדול: פאַרעלטערטקייט.

"ב ר ע נ ע נ ד י ק ע ע ר ד" פון אהרן צייטלין (אַ נייע אויפלאַגע אין 1979).

די ערשטע אויפלאַגע פון דעם ראָמאַן איז דערשינען אין 1937, ווען כ'האָב פאַרלאָזט פוילן אויף מיין וועג קיין אויסטראַליע. "ברענענדיקע ערד" האָט אויף מיר דעמאָלט געמאַכט אַן אויסערגעו ויינטלעכן איינדרוק דורכן סוזשעט און דורך דער באַהאַנדלונג פון מחבר. אין זיין נאָכוואָרט האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז ווער ס'איז באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון אַהרנסאָנס שפּיאָנאַזש-גרופּע, ווי זי ווערט געשילדערט אין די אַרבעטן פון דעם פּלייסיקן "נילי"-מאָנאָגראַף י. יערין פּאָליעסקין - דער וועט לייכט איינזען, אַז דאָס וואָס ווערט דערציילט אין דעם בוך, האָט גאָר אַ נאָענטע שייכות מיט אָט דער געשיכטע.

צו גלייך וועט ער זען, אַז בויענדיק אויף די ראָזיקע - און אויך אויף אַנדערע -

---

אבא דוד האָט זיך געשמדט! זיך פאַרליבט אין אַ שיקסע, חתונה געהאַט מיט איר און אַוועק וווינען אין איר דאָרף. אין שטעטל האָט זיך געטאָן חושך, און מער פון אַלעמען איז לייבע וועלוועס געוועזן צעבראָכן, פאַרוויטאָקט און פאַרשעמט. די סימפּאַטיע צו אבא דודן האָט זיך גיך פאַרוואַנדלט אין האַס, און ווען אַ בחורל האָט זיך ניט אויפגעפירט אַזוי פיין, זיך געפּוילט צו דאַוונען, פלעגט מען זאָגן: דאָס וואַקסט אַ צווייטער אבא דודקע.

שבת ביי טאָג פלעגט ער אָפט קומען צו רייטן אין שטעטל איינצוקויפן אין דער איינציקער גויאישער קראָם, און ווען ער פלעגט אָנטרעפן אַ יידן, פלעגט ער אים אָפּגעבן אַ הילכיקן גוט שבת. דער ייד פלעגט אויסשפּייען און אַנטלויפן. אבא דודס הילכיק געלעכטער פלעגט אים נאָכיאָגן העט ווייט. מיט דער צייט האָט ער אויפגעהערט זיך באַווייזן אין שטעטל און מען האָט פאַרגעסן אין אים. אַזוי זיינען אַוועק יאָרן, מיט אַ מאָל האָט ער זיך ווידער אָפּגעפונען. אָבער טאַטע זיסער, וואָס איז געוואָרן פון דעם שיינעם הויכן יונג! איינגעבויגן אין דרייען, קוים זיך געשלעפּט אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן, פלעגט ער זיצן לעבן תיפלע, זאָגן זיינע "פּאַטשערעס" און בעטלען. יידישע קינדער וואָס האָבן זיך דערוווּסט ווער ער איז, פלעגן זיך אַרומשטעלן און קוקן אויפן בייז וווּנדער. ער פלעגט זיי יאָגן און טרייבן, זידלען און שילטן און דווקא אויף יידיש.

צוויי ברידער - צוויי וועלטן. איינער פלעגט דאַוונען און זאָגן תהילים שבת אין שול, דער צווייטער פלעגט גיין מיט זיין משפּחה זונטיק אין "תיפלה". ביז דער דייטשער אשמדאי האָט זיי צוריק פאַראייניקט. איצט ליגן זיי ביידע אין איין גרוב צוזאַמען מיט די אַנדערע יידן פון שטעטל.

אויטענטישע מאַטעריאַלן, האַלט דער אויטאָר אין איין אָפּווייכן פון זיי, אַזוי, אַז אויף שריט און טריט ווערט דאָס פאַקטישע נישט נאָר סוביעקטיוו באַלויכטן, נאָר אויך באַוווסטזיניק געענדערט, איבערגעפורעמט, געדיכט אַדורכגעמישט מיט פיקציע און כסדר צוגעפאַסט צו די גרונט־מאָטיוון און אַלגעמיינעם גאַנג פון דעם ראָמאַן.

איך האָב אין 1937 נישט געקענט באַקומען יערי פאַליעסקינס מאָנאָגראַפיע וועגן דער "נילי"־גרופע און זען דעם אויטענטישן הינטערגרונט, וואָס איז דורך צייטלינען איבערגעפורעמט געוואָרן. צופעליק האָב איך באַקומען, נאָך אַ גאָר לאַנגן איבעררייס (סוף יאָר 1992) די נייע אויפלאַגע פון אהרן צייטלינס ראָמאַן און כ'האָב אים אָנגעהויבן לייענען. עס האָט מיך אינטריגירט דער אַריינפיר פון אליעזר וויזעל פאַרן בוך (1979). ער זאָגט, און מיט רעכט, "מ'דאַרף צייטלינס אַלע כתבים ווידער אַרויסגעבן און איבערזעצן זיי אויף אַנדערע שפּראַכן".

"ברענענדיקע ערד" באַהאַנדלט אויף אַ בעלעטריזירטן אופן אַן אויטענטישע יידישע שפּיאָנאַזש־גרופּע אין פאַלעסטינע בעתן ערשטן וועלט־קריג אונטערן נאָמען "נילי" ("נצח ישראל לא ישקר"). געוויינטלעך ווערט פראָסטיטוציע באַצייכנט ווי די עלטסטע פּראָפעסיע אין דער מענטשלעכער געשיכטע. פאַקטיש האָט שפּיאָנאַזש פאַרדינט די בכורה זינט די עלטסטע צייטן, אי בעת מלחמות און אויך אין שלום־צייטן.

אין חומש איז פאַרצייכנט וועגן די צוויי יידישע שפּיאָנען געשיקטע קיין יריחו אויסצושפּיאָנירן די באַפעסטיקונג. דאָרט זענען נאָר דאָ געציילטע שורות, אָבער אין דער ליטעראַטור - גרויסע ווערק. אין דער יידישער ליטעראַטור האָט דער שרייבער שמואל איזבאַן געשאַפן אַן אינטערעסאַנט ווערק, געשטיצט אויף פאָרשונגען און קינסטלערישער אינטואיציע. דאָס האָט אויך געטאָן אַהרן צייטלין אין "ברענענדיקע ערד". ער מעדיטירט ביים כאַראַקטעריזירן די הויפּט־העלדן פון דער שפּיאָנאַזש־גרופּע אין פאַלעסטינע איבער דעם אַלטנייעם באַגריף וועגן שפּיאָנאַזש. ער שרייבט: פאָלק איז געווען די קייט וואָס אַ גוואַלטיקע האַנט האָט אַזוי לאַנג געשמידט דורך לענדער און צייטן... די מכבייער... זענען זיי געווען שפּיאָנען? דעמאָלט האָט מען געקענט זיך פאַרגינען אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. ס'איז דאָס יידישע בלוט נאָך נישט געווען אַזוי אַלט; דער יידישער קאָפּ - נישט אַזוי קלוג. די יידישע פאַרצווייפלונג איז געגאַנגען גלייך, מיטן האַרטנעקיקן קאָפּ צו דער בלינדער וואַנט... יוחנן פון גוש חלב האָט קנאָפּ וואָס אויפגעטאָן... איז עס אַ צופאַל וואָס ביי די ענגלענדער האָט שפּיאָנאַזש אַזאַ געהויבענעם נאָמען: אינטעליגענץ־דינסט - "אינטעליגענשענס סוירוויס"?

שילדערט צייטלין בעתן ערשטן וועלט־קריג אַ שפּעטן ביינאַכט אין אַ קאַירער נאַכט־פּלאַץ. אָפיצירן, שפּיאָנען, קאָקעטקעס, הענדלערס, מיליטער־רעפּעראַנטן, אַראַבישע לעב־יונגען, אַרמענער, גריכן, שטאָק־שוואַרצע קאָפּטן - דער אמתער חושך מצרים. אין לאַנגע ווייסע העמדער און אַ ציגאַרעטל צווישן די ציין.

אין דער פאַרדעכטיקער פּאַנאָראַמע מיט דעם גאַנצן מיש־מש - אַ יידישער קלאַנג. "...האָט זיך געשטאַרקט דער פאַרדאַכט, אַז אין לאַנד (פאַלעסטינע) אַרבעטן לטובת ענגלאַנד יידישע שפּיאָנען. און שטילערהייט האָט מען גענומען טייטלען מיט די פינגער אויף ז כ ר ו ן און אויף ע ת ל י ת, און פון די פינגער איז עס אריבער צו צינגער." עתלית איז געווען אַן אַגרי־קולטור־סטאַנציע. גבריאל אַבראַמסאָן איז נישט נאָר געשטאַנען בראש פון אַן אַגרי־קולטור עקספּערימענטאַלער סטאַנציע, נייערט געווען

אויך איינער פון די הויפט־טוערס פונעם יידישן יישוב בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה.

דער מחבר, וואָס האָט אַ געוויסע צייט נאָכן ערשטן וועלט־קריג געלעבט אין פּאַלעסטינע, האָט גוט געקענט דעם אויסזען פונעם יישוב און זיינע טוערס, די אידעאָלאָגישע ריכטונגען, שטרייטן, קאָנפליקטן. אָט איז אַ בילד: "... ער (אַבראַמסאָן) איז געזעסן צווישן זיי. אים ליגן אין קאָפּ עתלית – דאָס גאַנצע לאַנד וועט ווערן אַ מין עתלית־עקספּערימענטאַלע סטאַנציע פאַר דער מאָדערנער ערד און הימל־פּלאַנץ – ייד, -- אַ גרויסע עקספּערימענטאַל־סטאַנציע פון זיין ליבן נאָמען. דער יידישער גאָט וועט העלפן... זיין כהן – יאָזעפוס פלאַוויוס, דער דעזערטיר, האָט נישט געוווסט אַז אין דורות אַרום וועט אַ מענטש מיטן נאָמען גבריאל אַרויסבאַקומען אַ ניי ירושלים..."

אהרן צייטלין, אַ גרויסער חסיד פון י.ל. פּרץ, זעט אין גבריאלן דעם גרויסן ייד פון פּרצעס "גאָלדענע קייט". אָבער אַרום – דאָ אין יישוב – שדים ווייסן וואָס! ווייבער הערן דאָך נישט אויף צו בענקען נאָך "יעוראָפּע". דאָס איז וועגן די באַלעבאַטישע. ווידער די נישט באַלעבאַטישע, "זיי זענען אַריינגעטאָן אין רעזאָלוציעס. די הפּועל־הצעירניקעס פון איין זייט – די שומרים פון דער צווייטער... מאַטוריסטן פון דער יפּוער גימנאַזיע ווערן אָטאָמאַנישע (טערקישע אימפּעריע) אָפיצירן. פּראָנטעווען אין די מיליטערישע מונדירן פאַר די קאָלאָניע־מיידלעך, שטעקן זיי אָן מיט פּלעק־טיפוס און שטאַרבן צום כבוד און רום פון דער צעפּאַלנדיקער (אָטאָמאַנישער) אימפּעריע.

הונגער און טענץ, פּלעק־טיפוס און זיצונגען, עקשנות און רעזאָלוציעס... זקנים אין ירושלים רעכענען אויס דעם קץ. מקובלים, דורכזיכטיקע און אויסגעדאַרטע -- טוען תפילה פאַרן כותל מערבי. משכילים שמועסן הויך־פּאָליטיק...

"אָבער אין עתלית, ווו עס הויערט דער ריז אַבראַמסאָן, ברענט די ערד אונטער די פיס. יידישער שפּיאָנאַזש וועט העלפן ענגלאַנד צו באַפרייען דאָס לאַנד פון דער טערקישער הערשאַפט. דער יישוב וועט אויפגעריכט ווערן, און אָט די וויזיע ווערט אין עתלית די דינאַמיק פון יידישן שפּיאָנאַזש, וואָס באַוועגט יונגע יידישע העלדן זיך מוסר־נפש, צו זיין און ווערן ענגלישע שפּיאָנען.

עס איז גערעכט וויזעל אין זיין הקדמה, אַז – "ציוניזם, פּאַטריאָטיזם, נאַציאָנאַליזם – רופט עס ווי איר ווילט, די טרייבקראַפט איז געווען אַ פּאָליטישע, אָבער ביי אהרן צייטלין איז אַפילו פּאָליטיק פאַרבונדן מיט מיסטישע דערשיינונגען. דער גרויסער מייסטער, אהרן צייטלין, האָט אויפגעכאַפּט דעם ריטעם פון אויפגערודערטן בלוטלויף פון זיינע הויפּט־העלדן און פון אַ ברייטער גאַלעריע טיפּן און געשטאַלטן, געזען אין פּראָפיל ווי אַ וועלט פון שאָטנס, אָט די זעלבע וועלט טאַקע, וואָס קלעפּט דאָ אויס אָרעמע מענטשלעכע לייבער, און וואַרפט זיי תיכף פונאַנדער".

מיטן אויג פון אַ פאָרשער האָט ער (צייטלין) זיך צוגעקוקט צום לעבעדיקן מוזעאום: יידן שפּאַניאָלישע, בוכאַרישע, קורדישע, קאַווקאַזישע, פּערסישע; יידן פון מזרח און יידן פון מערב; יידן פון מאַראָקע און יידן פון אונגאַרן. דער מאה־שערים־קוואַרטאַל – אַ יידיש שטעטל פון פאַר דורות צוריק, איבערגעפּלאַנצט ווי עס שטייט און גייט מיט הייזער, מיטן גאַנצן קעלערדיקן דלות, מיטן " אסור להשתין על הקיר" אויף די דרויסנוועגט פון די קלויזן. בּרייט באַגאַרטלטע בוכאַרער, ספרדים פון סאָלאָניקי און

אַדריאַנאָפּאָל - פּאַרשטייגערטע רעשטלעך פון אַ פּאָלק וואָס איז צעפאַלן געוואָרן מיט לאַנגע דורות צוריק - אַזוי זעט אויס ביים אויטאָר דער העלד גבריאל, וואָס וויל אָנהייבן פון דאָסניי, האָט אויפּעשטעלט דאָס הויז פון עתלית און האָט זיינע מענטשן געלערנט צו טראָגן דאָס לאַנד אין אייגענעם בלוט, ווערן לייבלעכע קרובים פון יעדן שטיין אויפן וועג.

דער מחבר מעדיטירט וועגן באַגריף העלדישקייט - די העלדישקייט פונעם פחדן, וואָס שטעלט איין דאָס לעבן כדי דאָס לעבן צו פּאַרהיטן. דער השומר - אַ חוץ אַ פּאָר הויזן און אַ ביקס, האָט ער גאָרנישט געהאַט. דער תימנער: איך בין געגוג רייך. איך האָב: אַן אייזעלע, אַ ציג און אַ ווייב. גאָט האָט מיך נישט פּאַרשעמט. גאָט האָט ליב די קינדער פון ישראל. וואָס שייך טויט - איז דאָס דער צווייטער געבורט פון מענטש. טויט, איז אַ געבורט אָן געשריי.

דער מחבר פּסיכאָלאָגיזירט זייער אַ סך איבער זיינע הויפּט־העלדן פון דער שפּיאָנאַזש־גרופּע. איינער פון זיי - דאַרדאַנסקי - אַ געשפּאָלטענע פּערזענלעכקייט, וואָס ציטערט פאַרן מענטש מיטן נאָמען - דאַרדאַנסקי. ער טראַכט: ווי מוראדיק דאָס איז צו זיין אַ מענטש! דער דיכטער וויזיאָנירט אים ווי ער ליגט אין אַ בעטל פון אַ קאַירער מיליטערישן שפּיטאָל, וואָס געפינט זיך ביים ים; פּאַלמעס, לאַגער־געצעלטן, שטיוול־פּוצערס, אויסטראַליער, קאַפּטן - אַ דעלוזיע - ווען אַ מענטש שלענדערט אַרום איבערן מידבר, בעת די טערקן זוכן אַרום זיין געביין אויפצוהענגען אויף דער תליה אין דמשק.

היות ציילטין האָט די אויטענטישע געשיכטע פון דער יידישער שפּיאָנאַזש־גרופּע "נילי" געדיכט דורכגעפלאָכטן מיט פיקציע, איז מיר שווער צו וויסן וואָס פּאַר אַ שייכות עס האָבן די אַוואַנטורעס פון אַ יוסף לישאַנסקי (וועמען די טערקן האָבן געהאָנגען טאָקע אין דמשק צוליב זיין שפּיאָנאַזש), מיט ציילטינס בילד ביי דער תליה פאַרטאָג מיטן שפּיאָן זאַלקינד, ביי וועמען די טערקישע מאַכט האָט געפונען אַ צעטל פול מיט נעמען פון אַלע זיינע מיטהעלפערס.

דער מחבר האָט אַ גאַנצן קאַפּיטל אָפּגעגעבן פאַר אַ געשיכטע ווי טויבן ווערן געקוילעט. וואָס זענען שולדיק די טויבן? פאַרוואָס זאָלן זיי ווערן געקוילעט? מחמת דאַרדאַנסקי האָט אַ טויב געשיקט קיין מצרים, מיט אַ שליחות צו אַבראַמסאָנען און צו די ענגלענדער. די טויב, שרייבט ציילין, איז געווען אַ געלערנטע, אַ קלוגע; אַ טויב אַ גֶעניטע און אַ געטרייע. זי האָט באַשר אַ סך מאָל איר גוטע שליחות דורכגעפירט מיט חכמה, קיין מאָל נישט פאַרבלאָנדזשעט אין וועג, מיט פרעמדע טויבן זיך נישט געחברט. איז געשען, ווי ס'געשעט, זי האָט פאַרבלאָנדזשעט אָדער פרעמדע פייגל האָבן זי ערגעץ פאַרנאַרט, אָנשטאָט צו פליען קיין מצרים איז זי אַוועק קיין קסריה, צו די טערקן געגידערט, געבראַכט צו זיי דאַרדאַנסקיס געהיימען בריוו.

גיי איך דאָ נישט אַריין אין דער עצם געשעעניש, וואָס פאַר אַ קאָנסעקווענצן עס האָט פאַר דער יידישער שפּיאָנאַזש־גרופּע גורם געווען דער דורכפאַל פון דער טויבס שליחות; נאָר מירן ברענגען דעם מחברס ווערטער וועגן דאַרדאַנסקיס טויט־אורטייל אויף אַלע יידישע טויבן, ער זאָגט וועגן זיי מיט אַזאַ אויסגעצייכלטן לשון: "...אַ מענטש וואַרט אויף רעטונג און שיקט זיין געשריי אויף פליגל פון אַ טויב, און די פליגל טראָגן נישט קיין רעטונג פאַר אים: די פליגל ברענגען דעם טויט! אויב אַזוי - מוזן

אַלע טויבן שטאַרבן. די טערקן טאָרן קיין איינציקע פון זיי נישט איבערכאַפּן. טאָמער יאָ - דערגייען זיי דורך דעם צום שפּיאָן־מאַרשרוט פון "נילי".

נאָר גאָרנישט - זיי וועלן זיך שוין נישט שמדן, די טויבן. זיי וועלן שוין קיין טערקישע נישט ווערן, אין טערקישע הענט נישט אַריינפאַלן, --זיי וועלן בלייבן יידישע. ווי אַזוי יידישע? - געשאָכטענערהייט. וואָרעם ווי נאָר דאַרדאַנסקי דערהערט, אַז די טויב איז געפאַנגען, די בעסטע צווישן טויבן און די געטרייסטע, - אַזוי כאַפּט ער זיך אַרויס פון זיין באַהעלטעניש, קומט אַראָפּ קיין עתלית, רופט צונויף אירע חברטעס, די עתליתער שפּיאָנאַזש־טויבן, און רעדט צו זיי אַזוי: - טייבעלעך, איך גיי אייך שעכטען על קידוש־השם! ס'געפעלט אייך? - טייבעלעך, זאָגט ווידוי!

דאָס מאַכט ער אַזאַ שפּאַס, דאַרדאַנסקי, דאָס חכמעט ער זיך ווילד און ביטער. אַוודאי, אויב יידישע טויבן - דאַרפן זיי געשאָכטן ווערן על קידוש־השם... ווי דען? און ווי שטאַרבט עס אָן ווידוי אַ כשרע יידישע טויב?

ער קוילעט. טויבנבלוט שפּריצט טונקל און וואַרעם. - צוריקגערעדט, טראַכט ער (און שעכט דערביי), אויף וואָס זאָל זיך אַ טויב מתוודה זיין? אויף וואָס פאַר אַ זינד זאָל זיך מתוודה זיין אַ פרומע זאַך, וואָס איז קיין מאָל קיין זינד נישט באַגאַנגען? זי איז נישט שולדיק, די פרומע עלנטע זאַך, קיין שום זינד איז זי נישט באַגאַנגען, אָבער שעכטן מוז מען זי.

דאָס געמאָלענע בילד וועגן דער טויבן־שחיטה ווערט שפּעטער פאַרבונדן מיט די חברים פון דער שפּיאָנאַזש־גרופּע, וואָס זענען קיין שום זינד נישט באַגאַנגען, אָבער אומקומען וועלן זיי אַלע... עס רוקט זיך דער טויט, ער גייט, ניין, ער רוקט זיך שוין נישט, ער גייט נישט - ער פליט.

עס איז אַ מאַקאַבריש בילד - און טויבנבלוט טריפט, טונקל טריפט עס און וואַרעם. און דאַרדאַנסקי קוילעט, און ס'פלאַקערט ווייטיק אין אים און ס'וואַקסט די בייזקייט. ער וואַשט זיך דערנאָך די הענט, וואַשט לאַנג און בייז, קאָן זיי אַלץ נישט דערוואַשן. פאַרשאָלטענע הענט! הענט, וואָס האָבן טויבן געשאָכטן.

אהרן צייטלין שילדערט די מאַקאַברישע אומדערטרעגלעכע פּייניקונג פון די אינדיווידועלע יידישע שפּיאָנאַזש־אָנטיילנעמערס. איך וועל דורכלאָזן דאָס דאָזיקע קאַפּיטל, נאָר אַרויסצופּן איינצלנע שורות געשריבן אין 1937, וואָס האָבן אַ הייַנטצייטיקן אויסקלאַנג.

דער מחבר, אַ ציוניסט, שרייבט אַזעלכע נביאותדיקע שורות:

בעת די טערקישע סאַטראַפּן האָבן שווידערלעך געפּייניקט די אומשטערבלעכע העלדין, שרה (אין בוך: לאה), האָט דער גייסט אירער "...אומגעריכט און פאַררעטעריש אַ פרעג געטאָן, ווי דאָס וועט אויסזען, אַ שטייגער, ווען אָט דאָ, אויף דער דאָזיקער ערד, זאָל ווידער אויפקומען אַ יידישע מלוכה. מיט אַן אייגענער אַרמיי, מן־הסתם אויך מיט אייגענע מלחמות. צי וועט נישט שטיין אַ מאָל אַ יידישער אַסמאַן־בעי (דער בוך־נאָמען פון טערקישן סאַטראַפּ) און פונקט אַזוי פּייניקן, ווי מען פּייניקט זי איצט? אַ לאַנד? וואָס איז אַ לאַנד? אַז מען האָט עס נישט - איז עס אַ חלום, גבריאלס חלום, שלומס חלום, אירער... אָבער דערנאָך? זאָלן די געשמיסענע אַליין ווערן שמייסער? אויב אַזוי - טאָ פאַר וואָס האָט מען זיי געשמיסן? צו וואָס האָט מען געדאַרפט די יסורים זייערע? און צו וואָס - אויב אַזוי דאַרף מען אירע יסורים, אירע; לאה אַבראַמסאָנס?"

גבריאל אַבראַמסאָן, דער איניציאַטאָר און דער מנהיג פון "נילי", האָט אויסגעמיטן די טערקישע תליה, מחמת ער איז געזעסן אין קאַיר אין בריטישן אינטעליגענץ־דינסט, ווי דער ראַטגעבער און עקספערט פון דער ענגלישער אָפענסיווע אין פּאַלעסטינע. ער האָט דאָס לאַנד דאָך געקענט אין יעדן ווינקעלע און געטאָן אַלץ וואָס נאָר מעגלעך צוצואיילן די שלאַכט ביי באר־שבע, אפשר וועט זי נאָך באַווייזן אָפּראַטעווען ווען עס איז פון זיין גרופּע. ער האָט שוין געוווסט וועגן הערצליזם פון זיין שוועסטער בעת איר פּייניקונג און פון איר זעלבסטמאָרד; געוווסט שוין פון דאַרדאַנסקיס אומקום, און פון די אַנדערע, בעת עס האָט זיך אָנגעהויבן די בריטישע אָפענסיווע אויף באר־שבע אין 1917.

צייטלין גיט אַ גאַר פּאַרביק קאַפּיטל אַרום די הינטערקוליסן אין פּאַריז ווען עס איז אויסגעשמידט געוואָרן דער ווערסאַלער טראַקטאַט, וואָס האָט פולשטענדיק פאַרענדערט די מאַפּע פון אייראָפּע נאָכן ערשטן וועלט־קריג. איך האַלט פּאַר געוווּנטשן זיך אָפּצושטעלן אויף דעם. איך האָב באַמערקט אַגב אין בוך, ווי ביים ווערטל "זיך צערעדט פּאַר פּייער און וואַסער" ווערט נאָך צוגעגעבן: פּאַר טבריהר און פּאַר צפתער, מסתמא צוליב אַ לאָקאַלער באַליבטער אידיאָמאַטיק. "דאָרט אין פּאַריז – שרייבט צייטלין – האָט זיך (נאָכן ערשטן וועלט־קריג) אָנגעהויבן דאָס גרויסע רינגעניש. פעלקער קומען פון די שלאַכטפעלדער, בלוט רינט זיי פון די פינגערס – און מיטן בלוט אויף די פינגער, שרייבט מען אונטער פּאַפּירן. מען גייט טוישן בלוט אויף דאָקומענטן. אין מיטן דעם יאַריד פון בלוט און פּאַפּיר, הויכפּוסיק און זיכער – שפּאַנט ווי אַ בושל איבער בלאָטעס – דער ענגלענדער. אומרואיק איז ווילסאָן (פּרעזידענט פון אַמעריקע), דער פּראָפעסאָר מיטן פּאַסטאָר־פּנים, וואָס האָט אין פערצן פּונקטן איינגעשנורעוועט די אומגליקן פון דער וועלט; און נאָך אומרואיקער איז איינער, אַ געוויסער אַבראַמסאָן, וואָס זיצט צוזאַמען מיט די יידישע דעלעגאַטן, אין דעם גרויסן דעלעגאַטן־האָטעל "עקצעלסיאָר", דאָ איז די פּאָליטישע בערזע. דאָ ווערן נאָטירט די פּרייזן, דאָ פירט מען דורך טראַנזאַקציעס. אַהער כאַפּן זיך אַראָפּ די גרויסע און מען רינגט זיך מיט די קליינע.

דער מחבר פּאָרטרעטירט אויף אַ פילפאַרביקן אופן די פירער פון דער וועלט; קלעמאַנסאָ, "דער טיגער אין פראַק". אָט איז ער ביינאַכט אין טאַנצזאַל, ווו אומצייליקע פּייערן פאַרבלענדן מיט זייער ליכט; דאַמען, טענץ, מוזיק, און די גורלס פון פעלקער... ווי אַ טיגער איז ער כסדר גרייט צום שפּרונג, דרעמלט איין (צו פיל ליכט, צו פיל מוזיק), נאָר איידער וואָס ווען – די וואַנסעס ציטערן אויף, גיבן אַ שפּרונג, און די אויגן, אויפגעכאַפּטע, טוען מיטשפּרונגען".

אין קורצע ווערטער – דער פּאָרטרעט, דער פולער פּאָרטרעט פונעם גרויסן קלעמאַנסאָ – ער פאַרטרעט פראַנקרייך אויף דער גרויסע וועלט־אסיפה, וואָס וועט אויסקיזלען דעם אַ"ג ווערסאַלער טראַקטאַט. לאָיד דזשאָרדזש – פּרעמיער־מיניסטער פון ענגלאַנד, זשמורעט די אויגן, שמייכלט, דריקט אַלעמענס הענט, און כאַפּן קען מען אים, סיידן נאָר אויף די טרעפּ – צווישן איין פאַרשווונדן ווערן און דעם צווייטן. אַז ער צעלאַכט זיך אַ מאָל – ווערט נאָך בולטער די אַקטיאָרישקייט זיינע, און עס ווערט מאָדנע, וואָס ענגלאַנדס פּרעמיער איז גאָר אַ קליינוווקסיקער.

אַזוי גייען פאַרביי באַפעלערס און באַפעלערלעך, גרויסע און קליינע, מענטשן וואָס

האָבן אַנדערע געשיקט אין שלאַכט און איצט זענען זיי אַלע געקומען דיסקאָנטירן דאָס בלוט... דאָ, אין האָטעל עקצעלסיאָר, טאַנצן זיי מיט דאַמען נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך אָפּגעדונגען. און דער אָרקעסטער שפּילט ווילד, צעהוליעט זיך ווי אַ שיכור, וואָס האָט אַלץ געוואָרפן אין מיסט אַריין: זיין גאָט, און זיינע טרערן, זיין ווילן און זיין גורל. עס איז דער אָנהייב פון דעם טאַנץ־מבול, וואָס וועט פאַרפלייצן אייראָפּע נאָך דעם מבול פון בלוט. דער פאַרברעכער וויל פאַרטאַנצן זיין פאַרברעכן. דער טאַטע וויל פאַרגעסן, אַז ער האָט דעם זון אין פייער געוואָרפן; דער זון – אַז ער האָט זיין אייגענער מאַמע אויף אַ בוים געהאָנגען. אייראָפּע שרייבט אונטער אָפּמאַכן און לאָזט זיך אין אַ טאַנץ.

אַהרן צייטלין איז בעתן האַנדל אַרום ווערסאַלער טראַקטאַט געווען אַ מיטצייטלער און אויסגעצייכנט אינפאָרמירט וואָס ס'איז אָנגעגאַנגען הינטער די קוליסן אין פּאַריז. די פאָרטרעטן וועלכע ער האָט געמאָלן אין דער פולער גרויס אָדער אין פּראָפיל, זענען באַגלייט מיט אַלע זייערע בראָדעווקעס און חן־גריבעלער. וויפל איך האָב געהאַט געלייענט וועגן קלעמאַנסאָ, האָט מיר נישט אַזוי פיל געקענט פּראָזשעקטירן זיין געשטאַלט, די אויסערלעכע און אינערלעכע, ווי עס האָט דאָס מייסטערהאַפט באַוויזן צייטלין.

פאַרשטענדלעך, אַז אויף דער אַסיפה האָט מען געוואָלט אויך הערן די שטים פון יידן. האָט מען, ווי צייטלין שרייבט, אַרויסגערופן דעם מאַיאָר גבריאל אַבראַמסאָן (פּיקציאָנעלער נאָמען) און ער האָט זיך אָנגעגרייט אַ לאַנדקאַרטע: פון לבנון ביז אַראָפּ, פון מיטללענדישן ים ביז מדבר סיני... ער האָט עס געוויזן דעם לאָרד באַלפור, וועלכער האָט אים אויסגעהערט און אָפּגעשיקט צו ווילסאָנען. און צייטלין שרייבט: "אין פאָדערצימער פון ווילסאָנס רעזידענץ האָט געווימלט, געשוויבלט מיט גענערעלער, באָטשאַפטערס, הויכשטאַפּלערס, סעקרעטאַרן, דירעקטאָרן, גרויס־אינדוסטריעלער. אַלע האָבן זיך געשושקעט. פון צייט צו צייט פלעגט זיך עפענען אַ טיר און אַ סעקרעטאַר האָט מיט פאָרנעמער שטילקייט אויסגערופן נעמען. דער אַרויסגערופענער פלעגט אָן גערויש פאַרשווונדן און אין וואַרטזאַל איז ווידער אָט די געהיימנישפולע שושקעריי.

ווען הינטער אַבראַמסאָנען האָט זיך פאַרמאַכט די טיר, האָט ער דערזען ווי קלעמאַנסאָ שטייט אויף אַלע פיר איבער אַ ריזיקער מאַפּע אויסגעשפּרייט איבער דער ערד, און דערנעבן זיצט אויף דער ערד פּראָפעסאָר ווילסאָן מיט דער בלייפעדער אין האַנט. אַזוי אָפּנים איז געווען באַקוועמער צו שטודירן די ריזיקע קאַרטע.

פאַר מיינע אויגן איז פאָרגעקומען די גרויסע אַסיפה, געשטאַלטיקט דורך צייטלינען אין פאַקטן אַדורכגעמישט מיט פיקציע. ער זאָגט: "גבריאלן האָט זיך גערעכט, אַז דער אַלטער קלעמאַנסאָ איז טאַקע דאָך מגולגל געוואָרן אין אַן אמתן טיגער. אָט באַלד שפּרינגט ער צו צו זיין רויב, און טראָגט עס אַוועק צווישן די ציין. דער הויכער ווילסאָן, ווידער, זיצנדיק אויף דער ערד, מיט דער בלייפעדער אין האַנט, האָט נישט ווילנדיק אַרויסגערופן דעם פאַרגלייך מיט אַ שול־לערער, וואָס זיצט מיט חברה קינדער בעת אַן אויספלוג אין גיט זיי עפּעס צו פאַרשטיין"...

אין אָנבליק פון דער ריזיקער קאַרטע אויף דער ערד, האָט אַבראַמסאָן מיט זיין קליינער לאַנדקאַרטע זיך געפילט אומהיימלעך. אָט דאָ אין דעם זאַל, האָט מען די וועלט אויסגעשפּרייט אויף דער ערד און מען גייט נעמען פון איר אַ מאָס. ווי גרויס איז דאָס לענדעלע אין פאָרעראַזיע?

ווילסאָן האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעזעצט, קלעמאַנסאָ איז אויפגעשפּרונגען און איז פֿון אַ טיגער צוריקגעוואָרן מענטש. לאָיד דזשאָרדזש האָט געשמייכלט. גבריאל האָט אָנגעהויבן. קלעמאַנסאָ האָט באַלד איבערגעריסן, וואָס וועט ער גיין אויסהערן רעדעס? ער האָט גענומען שטעלן פֿראַגן און אַבראַמסאָן האָט געמוזט ענטפֿערן ווי אין געריכט. ער האָט נישט געקענט איבערצייגן, נישט געקענט אויפֿווייזן, נישט געקענט ווירקן – ער איז געווען נישט דער, וואָס ווערט אויסגעהערט, נאָר איינער וואָס ווערט פֿאַרהערט. קלעמאַנסאָס טיגערישע אַקטיוויקייט האָט אים מיט איין קלאַפּ פֿון דער מאַפּע געמאַכט פּאַסיוו. אומזיסט האָט ער מיט די אויגן געזוכט הילף ביי ווילסאָנען און לאָיד דזשאָרדזשן. ווילסאָן, אַן אויסגעמאַטערטער מיט אַ פּנים פֿון אַ מיגרענע־קראַנקן, האָט געמאַכט נאָטיצן...--און אַזוי איז נישט געהאַלטן געוואָרן די גרויסע רעדע וואָס גבריאל האָט אָנגעגרייט.

די רעדע וואָס ער האָט געחלומט דורך איר זיך צו ראַטעווען פֿון דעם טויט־אורטייל איבער זיך אַליין. ווען אַבראַמסאָן איז אַרויס – האָט ער געוווּסט: דער גרויסער באַפֿעלער קלעמאַנסאָ האָט, אַליין נישט וויסנדיק, געהרגעט אַ קליינעם באַפֿעלער (פֿון קליינעם עתלית), וועלכער האָט פֿון זיין זייט אויך געהרגעט, און אויך נישט וויסנדיק.

פֿון די ציטירטע שורות איז קלאָר, אַז אהרן צייטלין באַשולדיקט דעם איניציאַטאָר פֿון יידישן שפּיאָנאַזש לטובת ענגלאַנד אין זיין אַ מערדער פֿון זיינע תלמידים און מיטאַרבעטער, וועלכע די טערקישע מאַכט האָט אומגעבראַכט. דער מחבר פֿאַראורטיילט אים צום טויט און ער באַגייט טאַקע זעלבסטמאָרד (פֿיקציאָנעל?)

נישט קענענדיק באַקומען די אויטענטישע באַשרייבונג פֿון דער "נילי"־גרופּע, ווייס איך נישט וואָס איז אויטענטיש און וואָס איז אין צייטלינס בוך פֿיקציע (אַ זאַך וואָס דער מחבר אַליין שטרייכט אונטער אין זיין נאָכוואָרט). דער נאָמען אַבראַמסאָן איז דאָך צו לייכט מאַסקירט פֿונעם אויטענטישן אהרנסאָן, וועמענס שוועסטער איז טאַקע באַגאַנגען זעלבסטמאָרד בעת אירע פּייניקונגען דורך די טערקן.

ווי כ'האָב שוין דערמאָנט, האָט צייטלין נאָכן ערשטן וועלט־קריג געוווינט אַ געוויסע צייט אין פּאַלעסטינע, זיך באַקענט מיט דער געשיכטע פֿון "נילי"־שפּיאָנאַזש, און עס איבערגעפֿורעמט אין "ברענענדיקע ערד". ער האָט באַוויזן קינסטלעריש צו רעסטאַווירן די עפּאָכע, מיט אירע העלדן. אין דער קאָלאָניע זכרון יעקב געזען שפּורן פֿון יענע געשעענישן.

---

דער יידישער קולטור־קלוב אין לאָס־אַנדזשעלעס

דריקט אויס מיטגעפֿיל די פֿאָלגנדיקע פֿריינד:

מ ר ד כ י  ב ן ־ ד ו ד – אויף דעם פֿאַרלוסט פֿון זיין פֿרוי;

ש י י נ ע  פּ אָ נ ט י י ן – אויף דעם פֿאַרלוסט פֿון איר מאַן;

ר אָ ו ז  מ י ל ש ט י י ן – אויף דעם פֿאַרלוסט פֿון איר מאַן;

ה אַ ר י  ק אָ ו ט י ן – אויף דעם פֿאַרלוסט פֿון זיין פֿרוי.

די פֿאַרוואַלטונג

זייט איר שוין אַ מיטגליד אין

# אַרבעטער רינג?


דאָס איז די עלטסטע יידישע פראַטערנאַלע און סאָציאַל-פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אוצרות פון אונזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון די ברענטשעס פראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערע אינפאָרמאַציע שרייבט צו:

**THE WORKMEN'S CIRCLE**

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035

אָדער טעלעפאָנירט 2007–552 (310)



# א הסתדרות אַניואַיטי טראַסט-קאָנטראַקט

- פון דער -

# הסתדרות פונדאַציע

È¯‡Ï†%‰Ò˙„¯Â‡†ÙÂ„‡ „‡

אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי: -

* אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 10% (לויט די יאָרן); און
* באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען: הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, "פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם "קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט

אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?

אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 10% פּראָצענט הסתדרות אַניואַיטי טראַסט פונדאַציע.

**אברהם פרענק, עקזעקוטיוו־דירעקטאָר**

---

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**

**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

811 Wilshire Blvd., Suite 1700 * Los Angeles, Calif. 90017

Telephone: (213) 683-8036

**הערמאַן טאַובע** / וואַשינגטאָן

# אַ זומער אין ישראל

## (נאָטיצן פון אַ רייזע)

מיר זענען געפאָרן דעם זומער קיין ישראל צו דער יערלעכער פאַרזאַמלונג פון דער סוכנות און זיך משמח־זיין מיט קרובים און פריינד ביי דער בר־מצווה פון דניאל, אונדזער אייניקל, אין שיינעם, אידילישן שטעטל כפר־סבא. אונדזערע נישט־פּלאַנירטע וואַנדערונגען איבער ישראלס שליאַכן זענען געווען אַן אָנגענעמע, פּראַכטפולע איבעראַשונג. מיר האָבן געקלעטערט אויף הויכן וועלכע גייען צוריק צו די צייטן פון הורדוס ביז צו די קרייצפאָרער. די הייזער געבויטע פון קאַלכשטיין, מיט זייערע קופּאָלן און קרומע רעכער, רילן מיט מאָזאַיקס זאָגן עדות פון אַמאָליקן גלאַנץ, העלדישע טאַטן פון אַ פאָלק וואָס האָט געלעבט און געשאַפן.

מיר האָבן געוואַנדערט איבער די חורבות פון קיסריה: אָנדענק־שטיינער, זיילן, רעשטלעך פון אַן אַלטער שול, פאַרניכטעט פון גאַליוס צעזאַר. מיר האָבן געשפּילט אין טרעפּערלעך: ווער געדענקט מער תנך?

אַ פאַרגעניגן געווען אַרויפצוקריכן אויף די Stella Maris – דאָס אָרט ווו אליהו און אלישה האָבן געלעבט אין אַ הייל אויפן הר־הכרמל. גענומען בילדער פון די משיפּועדיקע טאָלן ווו אליהו האָט באַזיגט דעם כנענישן בעל. פאַרברענגט אין אַ בילדלעך דרוזיש דאָרף, דלית הכרמל. אַן אָרט ווו טוריסטן און אַלט־איינגעזעסענע קומען זוכן פאַרשיידענע מציאות, אַן אויסוואַל פון לאָקאַל־אויסגעאַרבעטע אַרטיקלען.

מען האָט אונדז פאַרבעטן צו קולטור־אימפּרעזעס, קאָנצערטן אין עמק־יזראעל, תל־אביב, חיפה. געבעטן פאַר שלום ביים כותל און גוט זיך אויסגעוויינט ביים יד ושם קינדער־מאָוזאָליי, אַ טראַומאַטישע, אומפאַרגעסלעכע איבערלעבונג.

גרויס פרייד האָט אונדז פאַרשאַפט צו פאַרברענגען מיט קינדער און אונדזער וואַשינגטאָן־אַראָפּטירטע שכנישאַפט: שמואל־הנביא, און זען ווי די אַמאָליקע אָפּגעלאָזטע דירות זענען איצט אויס לייטיש. אַ גייסטיקן גענוס האָבן מיר געהאַט פון אַ געמיטלעכן פאַרברענגען מיט יידישע שרייבער אין דער היים פון אלכסנדר מלכסאן, צופרידן געווען צו זען אין לייוויק־הויז יוסף פּאַפּיערניקאָוו ז"ל און יעקב צבי שאַרגעל.

די טיפסטע איבערלעבונג, איז געווען ביים בן־גוריון פלי־פּלאַץ: צו זען דאָס אָנקומען פון רוסישע יידן. אַ רירנדיק בילד פון באַגעגניש נאָך יאָרן צעשיידונג, דאָס זינגען זייערס: עם ישראל חי! מיר זיינען דאָ!

*

אין ווילדן קאַראַהאָד טאַנצט אַ ווינט איבער די גרינע פעלדער אין עמק־טאָל, גרויע וואָלקנס באַוועגן זיך איבער אונדז, פאַרשטעלן דעם בלויען הימל. אַ טשאַטע פייגל, אַ מין וואָס איך האָב קיין מאָל פריער נישט געזען, זיצט אויף בינטלעך פרישן היי, האַלטן אָפּ אַ שוויטשענדיקע אסיפה. מיר קריגן אַ רוישיקן אויפנעם אין די אינדיק־און הינער־שטייגן. אין עופות־הויף, ווו מען האָדעוועט די אינדיקעס, ברעכט אויס אַ היסטעריש האַלדערן. זיי פּראָטעסטירן קעגן דער אינוואַזיע וואָס שטערט זייער רו...

מיר זענען פאַרבעטן אין גאַסטהויז צו פאַרבייסנס, געטראַנקן, באַזוכן די שול, ביבליאָטעק און דעם מאָנומענט פאַר צה"ל־העלדן, געפאַלענע קיבוץ־חברים.

וואַנדערנדיק איבער ישראלס רוישיקע וועגן, זעענדיק אויטאָ־צוזאַמענשטויסן צוליב שנעלן, ווילדן פאָרן, האָבן מיר געבענקט נאָך דער שטילקייט פון בית־השיטה.

*

אַ פלאַמיקע זון שיינט אַראָפּ אויפן טרוקענעם טאָל־וועג, אַ קיל, לייכט ווינטל, בלאָזט הייסן שטויב אונדז אַנטקעגן. דער שטויב קומט פון אַ טראַקטאָר געטריבן פון אַ האַלב־נאַקעטן, טונקל־הויטיקן מאַן, ער אַקערט אַ שטיק פעלד אין עמק־הירדן. דער געדיכטער שטויב זעצט זיך אויפן פלאַסטישן צודעק איבער די קעסטלעך פּאָמידאָרן, אוגערקעס, און אַנדערע גרינסן אין גאָרטן. צוויי יינגלעך גייען נאָך דעם טראַקטאָר און געשיקטערהייט רייסן זיי אַרויס ווילדגראָזן צום טאַקט פון אַראַבישע מוזיק.

מיר גריסן דעם טראַקטאָריסט און זיינע זון־פאַרברוינטע קינדער, אָבער קענען נישט הערן וואָס זיי זאָגן, צוליב זייער טראַנסיסטאָר־ראַדיאָ. זייערע שמייכלען, הענט־באַוועגונג, זענען באַשיינפּערלעך פריינדלעך, מיר ענטפערן מיט פאָכן מיט הענט, שרייען שלום, סאַלאַם!...

ביים ברייטן שליאַך פרוווט אַן אַלטער מאַן אַרויסשלעפּן זיין איבערגעלאָדענעם, פאַרעקשנטן אייזל פון אַ פעלדל צום ברייטן וועג. ער שעלט און שלאָגט זיין חמור, קוקט אויף אונדז מיט פאַרדאַכט, זיין פּנים איז פאַרכמורעט, מיר, ער זעט אויס אינגאַנצן רעזיגנירט. איינער פון אונדזער חברה טוריסטן גייט צו און קיצלט דעם חמור אין אַ סענסיטיוון אָרט... דער אייזל איז מיט טעמפּאָ אַרויף אויפן וועג. דעם אַראַבערס פּנים האָט אויפגעלויכטן, אַ דאַנק האָט אַרויסגעשיינט פון זיינע אויגן, דער חמור האָט אים געשלעפּט און ער האָט געשריגן: אַללאַ איז גרויס!...

*

אויף שטולן אַרום טישלעך אין קאַפע־הייזער
אויף צענטראַלע און זייטיקע תל־אביבער גאַסן
זיצן טוריסטן, באַטראַכטן שפּאַצירנדיקע מאַסן:
יעדע פרוי אַ מלכה, יעדער מאַן - אַ קייסער.

די "פרינצן" טראָגן אָפענע העמדער, קורצע הויזן,
עלטערע מענער באַשיידן געקליידט אין כאַלאַטן,
בלאַס־פּנימדיקע אייראָפּעער מיט קאָלירטע קראַוואַטן,
פרויען מיט געפאַרבטע האָר, באַצירטע מיט רויזן.

ברוינהויטיקע אַפריקאַנער, שוואַרצע אַזיאַטן,
יעדער פון זיי - אַ וועלט פאַר זיך אַליין,
טייל רעדן אויף שפּראַכן שווער צו פאַרשטיין,
ווי דרום און צפון אין די פאַראייניקטע־שטאַטן.

זייער גאַנג, געזאַנג, שפּראַך, געלעכטער
האָבן אַ פרייליכן ווידערקלאַנג, קלאָר און פריי,
אַזוי רעדן מענטשן ווען די שטאָט געהערט צו זיי,
אַזוי לאַכן האַרציק ישראלס זין און טעכטער.

יונג און אַלט, איינגעבוירענע און טוריסטן,
קומען דאָ פֿאַרברענגען פֿון אַלע עקן וועלט,
גאַנצע בלאָקן אויף דיזענגאָף אויסגעשטעלט
מיט טישלעך, באַזעצט מיט צוקוקער, סוחרים, אַרטיסטן.

לויט ווי זיי רעדן, עסן, באַוועגן זיך ביים גיין
דערקענט מען די לענדער פֿון זייערע אבות,
אייראָפּעער שפּאַנען געלאַסן, פֿאַרטראַכטע אין מחשבות,
אַמעריקאַנער איילן זיך און קייען גומע...

בלויז די קינדער וואָס קומען דאָ שפּאַצירן,
נאָר זיי אַליין זענען אַן איינהייטלעכע גרופּע,
זייער עברית, זייער זינגען - ווי אַ טרופּע
מיט וועלכער אַ פֿאָלק מעג שטאָלצירן.

די יוגנט דאָ האָט געירשנט טראַדיציעס פֿון אַ מאָל,
זיי איבערפֿלאַנצן דעם נעבטן צום ברויזנדיקן היינט,
פֿון זיבעציק לשונות געלערנט און געלייענט
און צוזאַמענגעגאָסן אין איין שפּראַך.

דורך זיי ציט זיך אַ קלאַנג פֿון נייע אַקאָרדן,
אָנגעזאַמלט פֿון אַלט-דורותדיקע טענער,
זיי טראָגן די נייע שפּראַך ווי פּרייהייטס-פּענער
פֿון באַרג חרמון, ים-כּנרת, ביז דעם טאָל פֿון ירדן.

צו דער יוגנט געהערט די צוקונפֿט פֿון דער שטאָט,
זיי וועלן פֿאַרווירקלעכן די טרוימען פֿון אַלטן דור,
דאָ וועט זיך אויסשיילן אַ שפּראַך ווי דער הימל קלאָר,
דאָ וואַקסט אַן אַלט-נייער דור וואָס אמונה האָט.

*

וואָכנלאַנג האָבן מיר געוואַנדערט, זיך געוווּנדערט: וואָס איז אַזוי אייגנאַרטיק אין דיינע טאָלן? וואָס פֿאַר אַ כּוח באַהאַלט זיך אין דיינע בערג וואָס מאַכן זיי אויסזען אַזוי מיסטעריעז-ווייט? וואָס פֿאַראַ סודות דערציילן די שטילע ווינטן וואָס קומען פֿון די יהודה בערג? די לבנה, איינגענעסט אין אַן אויסגעשטערנטן הימל באָדט און שפּיגלט זיך אין מיטללענדישן ים. דיינע ים-ברעגן רוישן מיט מאַסן מענטשן, אַ מיניאַטור-אוניווערס פֿון קאָלירן און שבטים, דאָך, דער וואַסער-ברעג איז שטיל, אַלץ וואָס מען הערט איז דעם צוזאַמענשטויס פֿון כוואַליעס. אין אַ שעה פֿון זון-אונטערגאַנג ביים ים-כּנרת האָט זיך מיר אויפֿגעקלערט דאָס אומפֿאַרשטענדלעכע: דער רבונו-של-עולם אַליין האָט זיין זומער-היים אויף די בערג פֿון גליל. דאָ רוט די שכינה...

הדר-הכרמל. אב, תשנ"א

# לאָטי פּ. מלאך

דעם 19־טן דעצעמבער פ.י. איז אין לאָס־אַנדזשעלעס, נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט, געשטאָרבן אין עלטער פון 88 יאָר די שרייבערין לאָטי פּ. מלאך. זי האָט געלאָזן נאָך זיך אַ נישט גרויסע ליטעראַרישע ירושה - דריי ביכער און אַ צאָל דערציילונגען און רעפּאָרטאַזשן, צעוואָרפענע אין פאַרשיידענע יידישע צייטשריפטן, צוו. אנד. אויך אין "חשבון", ווו זי איז לאַנגע יאָרן געווען אַ חשובע מיטאַרבעטערין. געלאָזן האָט זי אָבער אויך דעם שם פון אַ גוטהאַרציקן מענטש צווישן אירע אומצאָליקע פריינד און פאַרערער; אַ מענטש וואָס איז אַלע מאָל געווען גרייט צו העלפן אַנדערע און איז ביז דער לעצטער מינוט, אין איר איינזאַמקייט, געווען פאַראינטערעסירט אין אַלץ וואָס קומט פאָר אַרום איר, אין דער וועלט, אין יידישן קולטור־לעבן.

לאָטי פּ. מלאך איז געבוירן געוואָרן אין אַ שטעטל נישט ווייט פון טשערנאָוויץ, רומעניע, וואָס איז אַ מאָל באַוווסט געווען ווי אַ וויכטיקער יידישער קולטור־צענטער. זי האָט געלערנט אין אַ יידישער שול אין ווין, עמיגרירט קיין קאַנאַדע און שפּעטער געקומען קיין ניו־יאָרק, ווו זי האָט חתונה געהאַט מיט דעם באַקאַנטן שרייבער לייב מלאך. צוזאַמען מיט אים אַרומגערייזט אַ וועלט, געווען אין ארץ ישׂראל און אין שפּאַניע בעתן בירגער־קריג. אַ לאַנגע צייט איז לאָטי מלאך געווען אַ לערערין אין יידישע שולן און זיך דערוואָרבן אַ סך ליבשאַפט ביי אירע תלמידים. יענע דערפאַרונגען קומען צום אויסדרוק אין איר בוך א. נ. "די אונטערשטע שורה", דערשינען אין יאָר 1986 אינעם י. ל. פּרץ־פאַרלאַג אין תל־אביב.

וועגן אָט דעם בוך האָבן מיר געהאַט געשריבן אין "חשבון" נומ. 109 צוו. אנד.: "...די דערציילונגען ווי די פּאָרטרעטן (אין ל. מלאכס בוך) זענען געשריבן מיט אַ געניטער האַנט און די אויטאָרין העלפט אונדז אַריינצוקוקן אין די אויגן פון נשמות. מיר דערקענען אירע העלדן, זייערע טראַכטונגען, זייער געפילן־וועלט, דערגרייכונגען און אַנטוישונגען. זי פירט אונדז פונעם קליינעם שטעטל אין מזרח־אייראָפּע מיט זיין ספּעציפישן שטייגער, דורך טאָראָנטאָ, ניו־יאָרק, תל־אביב און פּאַריז, ביז די שלאַכט־פעלדער פון שפּאַנישן בירגער־קריג.... אינעם בוך פון לאָטי פּ. מלאך איז פאַראַן אַ סך גוטס, עס איז אַ רייך בוך וואָס נעמט אַרום אַ רייך, אַקטיוו לעבן פון אַ לערערין און שרייבערין".

איצט האָט זיך אָט דאָס לעבן אויסגעלאָשן. די יידישע ליטעראַטור האָט פאַרלוירן אַ קרעפטיקע שילדערערין, און די יידישע קולטור־געזעלשאַפטלעכקייט - אַן אַקטיווע, איבערגעגעבענע טוערין.

צו דער לוויה פון לאָטי פּ. מלאך איז געקומען די נאָענטסטע משפּחה, פריינד און געוועזענע שילער. עס האָבן איר מספּיד געווען דער חזן ברוך כהן מיט תפילות און דעם באַוווסטן ים־ליד פון יהודה הלוי, געזונגען אין יידיש, ווי אויך לילקע מייזנער אין נאָמען פון יידישן קולטור־קלוב.

לאָטי פּ. מלאך וועט אויף שטענדיק פאַרבלייבן אין אונדזער זכרון. כבוד איר אָנדענק.

מ.ש.

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

* מ. אָ ל י צ ק י: "עסיי און ליד". פאַרלאַג "ישראל־בוך", 1993, 118 זז'. אין בוך קומען אַריין זעקס עסייען און עטלעכע צענדליק לידער אין דריי אָפּטיילן: שורות צען; אין אָנגעוואָרף פון שטיין; דערמאָנונגען. צום סוף איז פאַראַן אַן אָפּטייל "אין מיין ברודערס אָנדענק", געווידמעט דעם מחברס ברודער, דעם דיכטער ב ר ו ך אָ ל י צ ק י, וועלכער איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן אין 1941 יאָר.

* י ו ס ף ק ע ר ל ע ר: "אַבי געזונט" - לידער פון היינט און פו נעכטן. פאַרלאַג "אייגנס", ירושלים, תשנ"ג - 1993. 110 זז'. דאָס בוך איז איינגעטיילט אין פאָלגנדיקע אָפּטיילן: ליבשאַפט; גלעקער קלינגען; קלאָר ווי דער קאַיאָר; מיט אַ שמייכל (עפּיגראַמאַטיש).

* מ א י ר ח ר ץ: "אַנפאַס, אין פּראָפיל און הינטער די פּלייצעס". לידער, י.ל. פּרץ־פאַרלאַג, תל־אביב 1993. 176 זז'. דאָס איז דאָס לעצטע לידער־בוך פונעם פּרוכטיקן דיכטער מאיר חרץ, וואָס איז דערשינען שוין נאָך זיין טויט אַדאַנק די באַמיונגען פון זיין אלמנה, ט ו ב ה ח ר ץ.

* א י ט ע ט א ו ב: "אין קלעם פון בענקשאַפט", לידער, פאַרלאַג "נס", ירושלים 1993, 112 זז'. דאָס בוך איז געווידמעט דעם אָנדענק פון דער דיכטערינס מאַן, ש י ע און עפּנט זיך מיט אַ צייכענונג פונעם קינסטלער י אָ ס ל ב ע ר ג נ ע ר. איינגעטיילט איז עס אין דריי אָפּטיילן: בענקשאַפט; אין לייכטן געמיט; יאָרן.

* מ ע י נ ק ע ק אַ ץ: "דריי שוועסטער", פאָעמע, 70 זז', פּראַכט־אויסגאַבע, גרויסער אַלבאָם־פאָרמאַט. אויף דער הילע - אַ צייכענונג פון גאַי מערטשי (1932), און אין בוך - אילוסטראַציעס פון רימאַנטאַס דיכאַוויטשיוס (ווילנע, 1992). פאַרלאַג "דריי שוועסטער", ראוון ד'ווילז 1993. די ערשטע אויפלאַגע פונעם בוך איז דערשינען אין מילוואָקי, אין 1932. די איצטיקע צווייטע אויפלאַגע האָט צוגעגרייט צום דרוק דעם דיכטערס זון - דער וויסנשאַפטלער און שרייבער ה י ר ש ע ־ ד ו ד ק אַ ץ.

* ש פ ר ה ש ט ע ר ן ק ר י ש ט אַ ל ק ע: "יידיש אַ לעבעדיקע שפּראַך - אַ לערן־פּראָגראַם פאַרן לערער", מאָנטרעאָל, קאַנאַדע 1992, 426 זז'. אַרויסגעגעבן דורך "די יידישע פאָלקס שולן פּרץ שולן" אין מאָנטרעאָל. פאָרשטעלנדיק דעם תוכן פונעם בוך ווערט געזאָגט: "דער לערן־פּראָגראַם "יידיש אַ לעבעדיקע שפּראַך" איז אַ מעטאָדיש־פּעדאַגאָגישער לערן־סיסטעם, געבויט פון אייגענער דערפאַרונג פון לערנען יידיש, ווי אַ לעבעדיק גערעדט לשון אין אונדזערע יידישע שולן אין מאָנטרעאָל... דער לערן־פּראָגראַם נעמט אַרום אַ גאַנץ שוליאָר לערנען... מיט די טעמעס: שול, היים, יום־טובים, צייטן פון יאָר, עונג־שבת, באַאַרבעט אין לעקציעס, לויט די געלערנטע טעג פון דער וואָך. מיט אַ סדר־היום: באַגריסן זיך, שפּראַכאַרבעט, איבערייס, וועטער, ראַטע, טעמע פון טאָג".

* ג ר ו נ י אַ ס ל ו צ ק י ־ ק אַ ה ן: "זינגט קינדער!", מאָנטרעאָל, 1993, 108 זז. לידער פאַר קינדער, טייל מיט נאָטן. מוזיק - ש ר ה ח ז ן.

* "די גאָלדענע קייט" נומ. 136, צייטשריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, תל־אביב 1993. רעדאַקטאָר: אברהם סוצקעווער, רעדאַקציע־סעקרעטאַר - אַלעכסנדר שפּיגלבלאַט. דער נומער איז אין גאַנצן געווידמעט דעם אַכציקסטן

# כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור קלוב

דער היגער יידישער קולטור-קלוב וועלכער איז שוין אַריין אין 65טן יאָר פון זיין עקזיסטענץ, האָט, ווי אַלע יאָר, אָנגעהויבן זיינע פּראָגראַמען פאַרן סעזאָן 1993-94 גלייך נאָך סוכות.

1993

מוצאי שבת, אָקט. 23, 7:30, דער וואָרט-קינסטלער יעקב לעווין איז אויפגעטראָטן אין אַ פּראָגראַם פון הומאָר און סאַטירע. מוזיק: דילאַראַ האַלילאָוואַ.

מוצאי שבת, אָקט. 30, 7:30, לילקע מייזנער, "דער גיבור אין קייטן", אַ רעפעראַט וועגן ה. לייוויק צו זיין 31-טער יאָרצייט, מוזיק: ריסאַ איגעלפעלד מיט איר אַקאָרדיאָן.

שבת אָוונט, נאָוו. 6, 7:30, סטענלי בונין: וועגן דוד עדעלשטאַט, וואָרט און מוזיק, זינגערין: אַנדרעאַ סמיט.

מוצאי שבת, נאָוו. 13 7:30, דאָראָטי ראַכמיס, זשורנאַליסטין: "וואָס איז געשען מיט דעם יידיש טעאַטער אין אַמעריקע?"

מוצאי שבת, נאָוו. 20, 7:30, מלכה שאו: "די פרוי אין דעם יידישן ליד" אינטערפּרעטירט מיט געזאַנג און מוזיק.

מוצאי שבת, דעצ. 4, 7:30, אברהם פרענק: וועגן דער געוועזענער יידישער קהילה אין שאַנכיי.

מוצאי שבת, דעצ. 18, 7:30, מאַיאַ ווייספעלד אייזין, גאַסט פון מעקסיקע, וועגן די יידישע שרייבערס אין מעקסיקע.

1994

מוצאי שבת, יאַנואַר 8, 7:30, אַ גאַסט פון ניו-יאָרק, פּראָפ. איטשע גאָלד-בערג האָט גערעדט וועגן: "מלך ראַוויטש דער פּאָעט מיט אַ שליחות".

מוצאי שבת, יאַנ. 15, 7:30, אַן אָוונט געווידמעט דעם 90-יאָריקן געבוירן-טאָג פון פּאָעט חיים שוואַרץ. גאַסט-רעדנער, ד"ר משה וואָלף, עמיגראַנט פון רוסלאַנד.

מוצאי שבת, יאַנ. 29, 7:30, סיבעל בענדער האָט גערעדט וועגן מאַרק שאַגאַל - זיינע דעקאָראַציעס און שאַפונגען פאַרן יידישן טעאַטער.

מוצאי שבת, פעברואַר 5, 7:30, באַשע וואַנאַמייקער: דערמאָנונגען וועגן ד"ר ב. האָפמאַן (צביון), באַקאַנטער זשורנאַליסט און שרייבער.

מוצאי שבת, פעב. 12, 7:30, יעקב באַסנער: "פּערל פון אונדזער ליטעראַטור". אין מוזיקאַלישן טייל, פּסח מאַלעוויטש ביי דער פּיאַנאָ.

**י.ש.**

---

געבוירניאָר פונעם באַרימטן דיכטער אברהם סוצקעווער.

* "לעבנס-פראַגן" נומ. 500, סאָציאַליסטישע חודש-שריפט פאַר פּאָליטיק, ווירטשאַפט און קולטור. רעדאַקטאָר: יצחק לודען. תל-אביב, נאָוו. דעצ. 1993 דאָס איז אַ פאַרגרעסערטע אויסגאַבע לכבוד דעם פינף הונדערטסטן יובליי-נומער. מיר באַגריסן ביי דער געלעגנהייט די אינטערעסאַנטע און גוט-רעדאַקטירטע צייטשריפט פון בונד אין ישראל.

## דאַנק-אויסדרוקן פון דיכטער חיים שוואַרץ

איך וויל אויסדריקן אויף די שפּאַלטן פון זשורנאַל "חשבון" מיין הייסן דאַנק צו אַלע פאַרזאַמלטע געסט בעתן יום-טוב פון מיין 90-טן געבוירן-יאָר, צו אַלע חשובֿע באַגריסער סיי פון לאָס-אַנדזשעלעס און סיי פון אויסער דער שטאָט, און צו אַלע וואָס האָבן אַריינגעשיקט שריפטלעכע באַגריסונגען פון ישראל, פון מאָסקווע און מינסק, און אויך פון דער יידישער פעדעראַציע אין פּאָרטלאַנד, אָרעגאָן.

אַ דאַנק דעם אַמעריקאַנער יידישן כאָר מיט זיין דיריגענט נ אָ ר י ן ג ר י ן, וואָס האָבן באַשיינט דעם יום-טוב מיט זייער פיינעם געזאַנג.

טייערע מיינע, איר האָט אַלע פאַרשאַפט מיר גרויס פרייד אויף דער עלטער פון מיין לעבן. איך נעם אייך אַרום און ווינטש אייך געזונט און גליק אין אייער לעבן אין אַ שלומדיקער וועלט! אַ ספּעציעלן דאַנק מיינע קינדער, א ה ר ן און ש י י נ ד ל פאַר צוגרייטן דעם יום-טוב, און מיין אייניקל, נ י ל, פאַר לייענען מיין ליד אין יידיש. געזונט זאָלן זיי זיין!

חיים שוואַרץ

צום נייציקסטן געבוירן־טאָג פון

**חיים שוואַרץ**

נשמהדיקן דיכטער

און באַליבטן מענטש און

פריינד – אונדזערע בעסטע

ווונטשן פאַר

חיים ארוכים, חיים של שלום

חיים של טובה, חיים של ברכה,

חיים של חלוץ עצמות,

חיים של מלא משאלות ליבנו לטובה

צבי און טאָני הירש

### צו אַלע אַבאָנענטן און לייענער פון "חשבון"

צוליב די געהעכערטע פרייזן פון דער פּראָדוקציע זענען מיר געצוווּנגען צו העכערן דעם יערלעכן אַבאָנאַמענט-אָפּצאָל אויף 12 דאָלאַר.

באַמיט זיך ווי וויט מעגלעך צו שאַפן נייע לייענער און אַבאָנענטן, כדי פאַרזיכערן די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פונעם זשורנאַל.

מיט דאַנק –

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון "חשבון"

# די יידיש קאַטעדרע א.נ. פון רינה קאָסטאַ

יידיש אָדער מאַמע־לשון איז די ערשטע שפּראַך אויף וועלכער מאַמעס האָבן גערעדט צו זייערע קינדער, האָבן זיי פּאַרוויגט, נאָך איידער זיי זיינען דריי יאָר אַלט־געוואָרן און מ'האָט זיי געפירט אין חדר. היינט־צו־טאָג, אין דעם פּראָצעס פון אויפגעלעבטן אינטערעס צו יידיש, צו דער יידישער שפּראַך, צו דער יידישער ליטעראַטור, צו אוצרות פון פאָלק־שאַפונג אויף יידיש, - לערנט מען די שפּראַך אין אוניווערסיטעטן איבער דער גאָרער וועלט. דער אויפגעלעבטער אינטערעס צו יידיש האָט דערגרייכט אַזעלכע ערטער ווו יידיש האָט פריער נישט אָנגעשפּאַרט, ווי אַ שטייגער יאַפּאַן, פון איין זייט, און אַלאַסקאַ פון דער אַנדערער זייט, וואָס געפינען זיך היינט אויף דער מאַפּע פון דעם אַקאַדעמישן לימוד פון יידיש.

די רינה קאָסטאַ קאַטעדרע, אין בר־אילן אוניווערסיטעט (רמת־גן) אַ צענטער פון לערנען, פאָרשן און פאַרשפּרייטן יידישע שפּראַך און ליטעראַטור, האָט געפייערט נישט לאַנג צוריק, צען יאָר זינט דער עטאַבּלירונג."צווישן אונדזערע לערער" אינפאָרמירט פּראָפ. יוסף בר־אל, אָנפירער פון די יידיש־לימודים, זיינען שוין דאָ אונדזערע גראַדואַנטן און אויך וועלט־באַרימטע ספּעציאַליסטן אויף זייער געביט, ווי פּראָפ. דב נוי, אליעזר פּאָדריאַטשיק, פּראָפ. יצחק באַקון און אַנדערע. היי־יאָר גיבן מיר דריי און צוואַנציק קורסן אין יידישער שפּראַך, יידישע ליטעראַטור און יידיש פאָלקלאָר און טעאַטער־געשכיטע, און די קורסן ווערן געפירט אויף יידיש.

אין די ראַמען פון דעם יידיש־אָפּטייל איז טעטיק דער משה און שרה פרידמאַן פּראָגראַם פאַר צוגרייטן נייע קאַדרען יידיש־לערער. גראַדואַנטן פון דעם פרידמאַן־פּראָגראַם זיינען שוין לערער אין 53 עלעמענטאַר־שולן און מיטל־שולן פון מדינת־ישראל. לערער פון יידיש ווערן אויך אויסגעשולט און אינסטרואירט אין דעם בען הימל פּראָיעקט. אין גילדין גראַדואיר־פּראָגראַם לערנען זיך און פירן דורך זייערע פאָרש־אַרבעטן זיבעצן סטודענטן - און די סעמינאַרן און קורסן פון "רינה האַלפּערן אינסטיטוט" אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע ווערן באַזוכט פון אַ גרויסער צאָל תלמידים.

דער רינה קאָסטאַ יידיש־לימודים צענטער אין בר־אילן אוניווערסיטעט איז אַ היסטאָרישע דערשיינונג און באַצייכנט דעם איבערגאַנג צו אָנערקענונג און אָפּשאַצונג צו יידישע קולטור־ווערטן הן מצד דעם פאָלק, און הן מצד די אַקאַדעמישע קרייזן.

**אונדזער דאַנק**

די חשובע פריינד

**שעלבי שאַפּיראָ, בעטעסדאַ,**

**שמחה און שרה ליינער, לאָס־אַנדזשעלעס,**

**חיים שוואַרץ, לאָס־אַנדזשעלעס,**

פאַר זייער ברייטהאַרציקער פינאַנציעלער שטיצע לטובת דעם "חשבון".

יעדער אַזאַ בייטראַג מאַכט מעגלעך אויפצוהאַלטן אונדזער זשורנאַל.

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע

פון "חשבון"

# ליטעראַרישער יום־טוב לכבוד מרדכי שעכטערס "יידיש צוויי"

אַ גאַר געהויבענער ליטעראַרישער יום־טוב לכבוד ד"ר מרדכי שעכטערס "יידיש צוויי" איז פֿירגעקומען אינעם בראָנקסער שלום־עליכם־קולטור־צענטער. עס זענען אַרויסגעטראָטן מיט אָפּשאַצן: ד"ר הערשל גלעזער, אַ יונגער יידישער לינגוויסט און געוועזענער שעף־רעדאַקטאָר פֿונעם זשורנאַל יוגנטרוף; אַברהם־יעקב זאַקס, אַ יונגער יידיש־לערער און רעדאַקטאָר; און דער בעל־מחבר אַליין. דעם פֿאָרזיץ האָט געפֿירט דער וועלטבאַוווסטער סאָציאָלינגוויסט, ד"ר שיקל פֿישמאַן.

דער זאַל איז געווען געפּאַקט. פֿיר דורות - זיידע־באָבעס, טאַטע־מאַמעס, קינדער און אייניקלעך - זענען זיך געקומען משמח זיין לכבוד דעם פּיאָנערישן לערנבוך. דער קינסטלערישער פּראָגראַם מיט דער באַחנטער יונגער זינגערין פּערל טייטלבוים, באַלייט אויף דער פּיאַנע פֿונעם גאָר טאַלאַנטירטן יונגן קאָמפּאָזיטאָר בנימין שעכטער, האָט שטאַרק אויסגענומען.

דאָס באַיום־טובטע ווערק, יידיש צוויי: אַ לערנבוך פֿאַר מיטנדיקע און ווייטהאַלטערס, איז אַ פֿאַרגרעסערטער (584 זז'), איבערגעאַרבעטער אַרויסקום פֿון אַ פֿריערדיקן, קלענערן נוסח, יידיש צוויי: אַ לערנביכל פֿאַר מיטנדיקע קורסן, וואָס ס'איז אַרויס אין 1986 אין פֿילאַדעלפֿיע און צוויי יאָר שפּעטער איז עס שוין נישט געווען צו באַקומען. דער איצטיקער דרוק איז נישט נאָר גרעסער און בעסער, נאָר אויך שענער - אויסוואָרטירט אויף אַ מעקינטאָש־קאָמפּיוטער און אָפּגעדרוקט אויף אַ לאַזער־אָפּדרוקער. ס'איז אַ לערנבוך נישט נאָר פֿאַר סטודענטן, נאָר פֿאַר לערערס און אַליין־לערנערס און בכלל פֿאַר איטלעכן מענטש, וואָס וויל זיך צולערנען מאַמע־לשון.

# אייראָפּעישער פֿאַראיין אין בריסל וועט אַרויסגעבן יידישע גראַמאַטיק אין אָקספֿאָרד

די קאָמיסיע פֿאַר קולטור־ענינים ביים אייראָפּעישן פֿאַראיין אין בריסל האָט באַשטימט אַ סובווענץ אויף אַרויסצוגעבן די נייע יידישע גראַמאַטיק וואָס ווערט איצט צוגעגרייט אין אָקספֿאָרד.

די גראַמאַטיק וועט דינען פֿאַר אָנהייבער און מיטלדיקע קורסן פֿון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור אויפֿן אוניווערסיטעטישן ניוואָ. זי וועט אַריינעמען גראַמאַטיק, מוסטערן פֿון דער יידישער ליטעראַטור, קולטור־געשיכטע, שפּראַך־איבונגען און אַ גרעסערן וואָקאַבולאַר צום סוף.

די מחברים זיינען ד"ר הירשע־דוד קאַץ און ד"ר דוב־בער קערלער, וועלכע פֿירן אָן מיט דער אָקספֿאָרדער פּראָגראַם פֿון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. דער וואָקאַבולאַר ווערט צונויפֿגעשטעלט פֿון גענאַדי עסטרייך, וועלכער שרייבט זיין דאָקטאָר־דיסערטאַציע אין אָקספֿאָרד אונטער ד"ר קערלערס השגחה.

די גראַמאַטיק וועט דערשיינען אין די לעצטע חדשים פֿון 1994.

# "תקני תקנות: פראַגן פון יידישער סטיליסטיק", ניי בוך פון הירשע־דוד קאַץ

צום ערשטן מאָל איז דערשינען אַ בוך איבער יידישער סטיליסטיק געשריבן פון אַ יונגן געלערנטן וואָס איז געבוירן געוואָרן נאָכן חורבן.

דער מחבר, ד"ר הירשע־דוד קאַץ, איז געבוירן געוואָרן אין ניו־יאָרק אין 1956.

ד"ר קאַץ, אַ ספּעציאַליסט איבער יידישער לינגוויסטיק, האָט פּאַרעפנטלעכט צענדליקער וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן איבער דעם אורשפּרונג און דער געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך.

דאָס בוך נעמט אַריין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען: וואָס איז אַזוינס סטיליסטיק?; די יידישע סטיליסטיק; אַרויסרייד; אָרטאָגראַפיע; צום אויסלייג גופא; ווערטער; מאָרפאָלאָגיע און זאַץ־בוי; כלל־שפּראַך און דיאַלעקט אינעם יידיש שבכתב; פּרינציפּן פון דער יידישער סטיליסטיק; אויפרוף צו די בני־דור.

"תקני תקנות: פראַגן פון יידישער סטיליסטיק" איז שיין אַרויסגעגעבן מיט האַרטע טאָוולען און אַ סך רעפּראָדוקציעס, בילדער און פאַקסימיליעס. 356 זז', דער פּרייז: $29.95 פּלוס $8.45 פּאָסט הוצאות. צום באַשטעלן ביים פאַרלאַג (טשעק אָדער "וויזאַ" קאַרטל אויסשרייבן - Oksforder Yidish Press)

"Yiddish Stylistics"

Oksforder Yidish Press, 45 St. Giles, Oxford OX1 3LW, England

Telephone: 01144 865 311030 Fax: 01144 865 311791

## פאַרפעלטע נעמען

אין די ראש השנה באַגריסונגען אין פאַריקן נומער "חשבון" (122) זענען דורכגעלאָזן געוואָרן די פאָלגנדיקע נעמען: **סאַבינע** און **חיים זשוק**, **קריסטאַל שלום**, **שפרה קרישטאַלקע**, און עס האָט געדאַרפט זיין **לאה** און **יוסף לאַקס**.

מיר בעטן אַנטשולדיקונג ביי די דערמאָנטע פּערזאָנען.

**רעד.**

## אַ בריוו אין רעדאַקציע*)

חשובער רעדאַקטאָר,

איך בין אַ גראַדויר־סטודענט, אַ פינף און צוואַנציק יאָריקער, און אַ לייענער פון "חשבון". איך וויל נאָר אָנשרייבן אַ בריוול כדי איבערגעבן דער רעדאַקציע, אַז איך שאַץ אָפּ דעם זשורנאַל און האָב זייער אַ סך הנאה פון אים. משה וואָלפס אַרטיקל וועגן סאָוועטישע יידישע שרייבערס איז אינטערעסאַנט. אַ יישר כוח.

מיט דרך ארץ -

**טאָני מייקלס, פּאַלאָ אַלטאָ**

---

*) געוויינטלעך דרוקן מיר נישט קיין בריוו אין רעדאַקציע, נישט מיט ליבווערטער און נישט מיט קריטיק, הגם מיר נעמען דאָס אַלץ אין באַטראַכט אין אונדזער אַרבעט. דאָס מאָל מאַכן מיר אָבער אַן אויסנאַם נישט צוליב דעם בריוו, נאָר צוליב דעם מחבר.

**רעד.**